פרייז $1.00
0 84577 47945 2
Hakiryah
ניסן תשע"ד לפ"ק
קרית יואל יצ"ו
144
# הקריה
בס"ד

# סטעיט סופרים קאָורט ריכטערין שליידערט אַרויס זינלאָזע קלאַגעס קעגן היסטאָרישן "פּייפּליין" פּראָיעקט

## אַרבייט אויפ'ן פּייפּליין וועט ווייטער פּאָרזעצן אין פולן טעמפּאָ, באַלד נאָך יום טוב אי"ה - וויכטיגע זיצונג צווישן אינזשענירן, בוי-פּירמע און רעגירונגס פּאָרשטייער איבערצושמועסן לעצטע אַרבייט-דעטאַלן - "פּאָבליק הירינג" איבער קוועלער אין מאַונטעגוויל, באַשטימט אויף קומענדיגען דינסטאָג פּר' אמור הבעל"ט

אין די פאַרנומענע פאַר-פּסח-טעג האָבן תושבי קרית יואל ערהאַלטן די גאָר פרייליכע נייעס אַז די געערטע ריכטערין לעפקאָוויץ פונעם ניו יאָרק סטעיט סופרים קאָורט אין ווייט-פּלעינס האָט אַרויסגעשליידערט אַלע קלאַגעס קעגן די אָנגייענדע אַרבייט פונעם "פּייפּליין פּראָיעקט", דערקלערנדיג די קלאַגעס אַלס האַפּטלאָז און אומבאַגרונדעט בשעת וואָס קרית יואל קומט נאָך אַלע רעגולאַציעס און פאָרשריפטן ביים דורכפירן די אַרבייט אויפצושטעלן דעם מאַכטפולן "וואַסער פּייפּליין פּראָיעקט".

דער פּסק איז די לעצטע אין אַ סעריע פון דורכפעלער וואָס די וואודבורי באאמטע און אַנטי-וואוקס אַקטיוויסטן האָבן לעצטענס איינגענומען, נאָכדעם ווען זיי האָבן אונטערגענומען אַ רייע מיט מיטלען צו שטערן דעם וויכטיגן פּראָיעקט, אָנגעהויבן פון פיזיש שטערן די אַרבייט און אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע מיטלען, ביז געריכטליכע אָנקלאַגעס און לעגאַלע פּראָבעס אָפּצושטעלן די אַרבייט און אונטערשטעלן שטרויכלונגען אויף יעדן טריט און שריט.

די לעצטע קלאַגע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין געריכט מיט אַ יאָר צוריק,

(פאָרזעצונג אויף זייט 11)

# הערליכער "רוח החיים-קינדער פּאַרק" גרייט זיך צו עפענען אירע טויערן פאַר צווייטן זומער-סעזאָן

## פאַרשידענע שפּאַגל-נייע שפּילצייגן און באַזונדערער "זיפּ-ליין אַפּאַראַט" אינסטאַלירט אין "מיידל שפּיל-פּלאַץ" צו פאַרשטערקערן וויכטיגע גדרי הצניעות - שעות און סדרים וועלן ווייטער אָנהאַלטן גענוי ווי אין ערשטן זומער-סעזאָן

עת הזמיר הגיע וקול התור וועטערס נעמען אָט איבער דעם באַזונדער-קאַלטן און רעקאָרד-פראָסטיגן ווינטער; שיינע גרינע פּאָנאַראַמעס פון גראָז און ביימער וועלן באַלד ערזעצן די ווייסע סצענעס און ריזיגע שניי-בערג וואָס האָבן אָנגעפולט די גאַסן פון קרית יואל, און אָט גרייטן זיך די קינדער צו קענען נאָכאַמאָל געניסן פונעם הערליכן מאַיעסטעטישן "רוח החיים-קינדער פּאַרק", מיט אירע פילפאַרביגע רייכע שפּילצייג אַפּאַראַטן.

דער "רוח החיים-קינדער פּאַרק" איז שוין היינט אַ נאָמען וואָס קינד-און-קייט זאָגט אַרויס מיט אַ שמייכל אויפ'ן פּנים, און פון נאָנט און ווייט הערט מען צוריק די גוטע גריסן פונעם קאָלאָסאַלן סוקסעס וואָס דער פּאַרק האָט פאָרגעשטעלט דעם ערשטן סעזאָן, זינט איר עפנונג פאַראַיאָר חול המועד פּסח תשע"ג און דורכאויס דעם גאַנצן סעזאָן, ווען אַלע באַזוכער האָבן אייניג באַוואונדערט די רייכע און מייסטערהאַפטיגע אַרבייט וואָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן דורך די הנהלת הקריה, וויאַזוי די קינדער האָבן געקענט פאַרברענגען אין אַ היימישן אַטמאָספערע, איבער גאָר געלונגענע אַקטיוויטעטן און שפּילצייגן.

ווי דער שטייגער ביי קרית יואל באַגענוגט מען זיך נישט מיט די אָריגינעלע הצלחה, נאָר בבחינת מוסיף והולך איז אַלץ פאַרהאַן אַ רצון צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן, סיי בגשמיות און אוודאי ברוחניות, אויב קען מען אויף אַן אופן פאַרשטערקערן

(פאָרזעצונג אויף זייט 17)



# ארבייט פארשריט ביים נייעם "אשת חיל" געביידע

## מעכטיגע שטאלענע שטאנגען ווערן שוין אויפגעשטעלט - דרויסנדיגער סטרוקטור וועט האפנטליך פארענדיגט ווערן דורכאויס דעם קומענדיגען זומער בעזשהי"ת - וועט זיין א שטארקע לינדערונג אינעם שטארק אנגעשטרענגטער מאנגל אין פלאץ פאר פילצאליגע קימפעטארינס



בה יתן ה' וכה יוסיף:

# דראַמאַטישע אויסברייטערונג פון אַלע אָפּטיילונגען אין "עזרת חולים העלט צענטער" מאַרשירט פאָראויס אין פולן גאַלאָפּ

## נייער פּראַכטפולער "פּידיעטריקס שטאָק" אין אונטערשטן שטאָק פון צענטראַלע עזרת חולים געביידע, וועט געעפנט ווערן ביז געציילטע וואָכן - אַרבעט אויף פאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק" וועט נאָכפאָלגן באַלד דערויף - בייגעלייגט באַזונדערן דענטאַל בראשור

אַלע אָפּטיילונגען פון עזרת חולים ווערן גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט, בבמות ובאיכות, נאָכצוקומען אומגעהויער וואַקסנדן פאַרלאַנג פאַר געזונטהייט סערוויסעס

נייעס אויף זייט 5

# סטעיט סופרים קאָורט ריכטער ניקאָליי אַנולירט שכינות'דיגע ווילעדזש-אָוו-וואודבורי "מעסטער פּלען" און זאָונינג געזעצן אַלס אומגעזעצליך

**שטאַרקער געווינס פאַר קרית יואל אין בעפאָרברייטונג צו קומענדיגע "אַנעקסעישאָן" פּלענער - וואודבורי אַדוואָקאַט: וואודבורי וועט אַפּעלירן דעם פּסק**

אין גאָר אַן היסטאָרישער געווינס פאַר קרית יואל און איר צוקונפט, האָט דער געערטער סטעיט סופרים קאָורט ריכטער מר. פרענציס ניקאָליי געאורטיילט קעגן די גאָר שטרענגע "זאָונינג געזעצן" — וואָס די שכינות'דיגע ווילעדזש אָוו וואודבורי האָט געוואָלט אַדאָפּטירן אויף די שטחים וועלכע גרעניצן זיך מיט קרית יואל, מיט'ן איינציגן ציל פון שטערן און שווער מאַכן פאַר קרית יואל'ס צוקונפט און וואוקס — אַלס אומגעזעצליך .

די היסטאָריע פון די שטרענגע "זאָונינג געזעצן" גייט צוריק באַלד צען יאָר, אָנגעהויבן ווען דער "טאַון אָוו וואודבורי" האָט אויס-מורא פונעם אור-אַלטן "פן-ירבה" לאַזונג, נאָכדעם וואָס די הנהלת הקריה האָט באַוויזן בחסדי השי"ת אָפּצוקויפן די ריזיגע "עיס פאַרם" שטחים וועלכע געפונען זיך אין די וואודבורי גרעניצן, האָבן זיי דאַן אָנגעהויבן באַטראַכטן פאַרשידענע פּלענער וויאַזוי אָפּצושטעלן און פאַרמיידן די אויסשפּרייטונג פון די הייליגע שטאָט אַריין אין די גרעניצן פון וואודבורי.

אין יאָר תשס"ד האָט דער טאַון אָוו וואודבורי אויפגענומען אַ ספּעציעלע פירמע מיטן נאָמען "סאַראַטאָגאַ אַסאָסיעטס", וואָס זיי זאָלן צוגרייטן רעקאָמענדאַציעס פאַר די טאַון באָורד, אויסצושטעלן אַ ברייטן פּלאַן פאַר די גאַנצע טאַון, מיט דעטאַלירטע "זאָונינג רעגולאַציעס" איינגעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. דאָס איז אַן אָנגענומענער פּראָצעדור ביי מוניציפּאַליטעטן, וואָס רופט זיך אין די רעגירונג טערמינען אַ "קאָמפּריהענסיוו מעסטער פּלען". דאָס ווערט אַריינגעשיקט פאַר די קאַונטי רעגירונג צו באַשטעטיגן, און דערנאָך שטימט דער טאַון באָורד דערויף, און דאָס ווערט אַדאָפּטירט אַלס דער אָפיציעלער "זאָונינג קאָוד", צו וועלכן אַלע לאַנד-אייגנטימער אינערהאַלב די גרעניצן פונעם טאַון זענען בינדענד.

די פּלענער האָבן באַלד געלויטעט אַז די דערמאַנטע פירמע זאָל אויסשטעלן די שטחים וועלכע גרעניצן זיך מיט קרית יואל, אונטער די מאַקסימאַלסטע זאָונינג באַגרעניצונגען, אָפּצושטעלן יעדן מעגליכן פאַרזוך פון אויסבויען די אַלע שטחים. דאָס האָט גענומען קרוב צו אַ יאָר, און ענדליך אינעם מאָנאַט פון אָקטאָבער פון יאָר 2005, ד.ה. אָנהייב שנת תשס"ו, האָט "סאַראַטאָגאַ אַסאָסיעטס" געענדיגט פאַרשרייבן די מאַפּע פאַר וואודבורי, און דאָס איז געקומען באַגלייט מיט אַן אָפיציעלע "סיקרע רעוויו", ד.ה. אַן ענווייראָמענטאַלע שטודיע און איבערזיכט וואָס ווערט געמאַכט אויפ'ן פּלאַן, צו פאַרזיכערן אַז די קאָודס וועלן נישט האָבן קיין נעגאַטיווע ווירקונגען אויף די ענווייראָמענט, און די פּלענער זענען געשיקט געוואָרן פאַר די אָראַנדזש קאַונטי רעגירונגס אָפּיסעס צו באַשטעטיגן.

אינצווישן איז צושטאַנד געקומען אַ טויש אינעם ווירטשאַפט פון וואודבורי, ווען עס איז בייגעפאַלן פאַר די דערמאַנטע "פן ירבה אַקטיוויסטן" צוצולייגן נאָך אַ שיכט פון רעגירונגס ביוראָקראַטיע, גרינדענדיג דעם

(פאַרזעצונג אויף זייט 13)

**אַנעקסעישאָן פאַרשריט:**

# נ.י. סטעיט "די.אי.סי." וואַרפט אָפּ פאַרלאַנג פון מאָנראָ-וואודבורי סקול דיסטריקט צו דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי" אין אַנעקסעישאָן פּראָצעדור

**אין באַזונדערע בריוו פאַר סטעיט-אסעמבלימאַן סקאופּיס און אַנדערע ערווייל̈טע פירער אַנטזאָגט זיך "די.אי.סי." אויך פון זעלבסט דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי" - באַשלוס פון "די. אי. סי." צווישן קרית יואל און טאַון אָוו מאָנראָ ווערט ערוואַרטעט אין נאָנטע טעג**

ווי ברייט-באַריכטעט אין די פאַרגאַנגענע "הקריה" נומערן, האָט די הנהלת הקריה אונטערגענומען גאָר אַ וויכטיגן און היסטאָרישן שריט אינעם צוקונפט פון די הייליגע שטאָט, מיטן אָנהייבן אַ פרישן "אַנעקסעישאָן פּראָצעדור" אויסצוברייטערן די גרעניצן פון קרית יואל מיט עטליכע הונדערט אַקער-לאַנד, און דאַדורך ערמעגליכן דאָס אויפבוי פון טויזנטער נייע דירות פאַר די צוקונפטיגע דורות בעזהשי"ת.

עס פעלט נישט אויס נאָכאַמאָל איבערצושמועסן באריכות וויאַזוי אַזאַ פּראָצעדור גייט צו. נאָכדעם וואָס די אַפּליקאַציע פון די אַריבער-הונדערט לאַנד-אייגנטימער בגלילות פון קרית יואל אַריינצוברענגען זייערע באָדנס אין די גרעניצן פון קרית יואל איז אַריינגעברענגט געוואָרן פאַר די ווילעדזש באָורד און צום טאַון אָוו מאָנראָ, קומט אין די רייע דער פּראָצעדור וואָס איז באַקאַנט אַלס אַ "סיקרע רעוויו", וואָס דאָס באַדייט אַז אַ דורכדרינגליכע ענווייראָמענטאַלע שטודיע פאַרלאַנגט זיך אַדורכגעפירט צו ווערן, אָפּצושאַצן וויאַזוי אַזאַ אַנעקסעישאָן וועט ווירקן אויף די צוויי מוניציפּאַליטעטן וואָס ווערן אַפעקטירט דערפון, און דאָס ווערט נאָכדעם אָפיציעל דאָקומענטירט אַלס אַ "ענווייראָמענטאַל אימפּעקט סטעיטמענט" וואָס איז אויסגעשטעלט צו דער באַשטעטיגונג פון די ענווייראָמענטאַלע אַגענטור, באַקאַנט אַלס "די.אי.סי."

אַדורכצופירן די דערמאַנטע שטודיע קען לויט די פאָרשריפטן נאָר איינער פון די אַגענטורן וועלכע איז "פאַרמישט" אינעם אַנעקסעישאָן, און ביי דעם פאַל איז דאָס נאַטורליך אָדער קרית יואל, אַלס דער ווילעדזש אין וועלכן די באָדנס ווילן אַריינקומען, אָדער דער טאַון אָוו מאָנראָ פון וואַנעט די שטחים ווילן ווערן אַרויסגעשריבן. דער אַגענטור וואָס פירט אַדורך די שטודיע

(פאַרזעצונג אויף זייט 12)

# קרית יואל שטאַרק באַזאָרגט איבער נייעם "וואודבורי געמבלינג קאַסינאָ" פּלאַן צוליב פּאָטענציעלע נעגאַטיווע ווירקונג ברוחניות ובגשמיות

**פּלאַן צו פאַרוואַנדלען ריזיגער 130 אַקער לאַנד שטח נעבן די "וואודבורי קאממאנס" געשעפטן אין גיגאַנטישן קאַסינאָ און פאַרוויילונגס רעזאָרט - הנהלת הקריה דרוקט אויס פּראָטעסט און אַנטריסונג אין אָפיציעלע באָורד רעזאָלוציע**

תושבי קרית יואל זענען געכאַפּט געוואָרן אין שאָק און איבערראַשונג ווען נייעס-קלאַנגען איבער אַ נייעם "קאַסינאָ רעזאָרט" פאָרשלאַג אין די גאָר נאָנטע שכינות פון קרית יואל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן, הערנדיג אַז ניו יאָרק סטעיט האָט אויפגענומען פּלענער פון אַ ריזיגע בוי-אונטערנעמונג פירמע וואָס פאַרמעסט זיך צו ערהאַלטן ערלויבעניש אויפצושטעלן אַ מאַכטפולן "געמבלינג קאַסינאָ" און אַ פאַרוויילונגס רעזאָרט, האַרט נעבן די גרעניצן פון די הייליגע שטאָט קרית יואל.

שוין עטליכע יאָר וואָס עס קומט פאָר אַ העפטיגן קאַמפּיין פון פאַרשידענע גרופּעס און געזעצגעבער אין ניו יאָרק סטעיט צו ערלויבן אויפצושטעלן "קאַסינאָ צענטערס" אין די סטעיט גרעניצן און אַראָפּנעמען אַ לאַנגיעריגע פאַרבאָט דערקעגן. אין די לעצטע "נאָוועמבער וואַלן" איז די קאַסינאָ פראַגע אַרויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ רעפערענדום פאָרנט פון אַלע ניו יאָרקער וויילער, און עס איז באַשטעטיגט געוואָרן דורך אַ גרויסע מערהייט וויילער, טראָץ אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פונעם חרדישן אידנטום אין ניו יאָרק.

אַ גרויס חלק פון די קעגנערשאַפט איז געקומען, צוליב דעם וואָס עס איז שטענדיג געווען די רעדע אַז אויב ווערט דאָס ערלויבט וועלן טייל פון די קאַסינאָס אויפגעבויעט ווערן אין די "קעטסקיל ראַיאָן", דאָס איז די געגנטער וואו חרד'ישע אידן פאָרן אַרויס אין די זומער חדשים צו די קעמפּס און די קאָנטריס, וואָס אויב זאָלן טאַקע דאָרט אויפגעשטעלט ווערן קאַסינאָס, קען דאָס חלילה פירן צו אַ ראַדיקאַלן טויש אינעם אַלגעמיינעם באַשיידענעם און שטילן ראַיאָן, אָנברענגענדיג אַ נייעם עלעמענט וואָס קען צווינגען צו פאַרטרייבן די היימישע אידן פון די געגנטער.

מצד די סטעיט איז יאָ געווען אַ שטאַרקער שטופּ צו ערלויבן די קאַסינאָס, איבערהויפּט אין עקאָנאָמיש-פאַרשלאָפענע געגנטער, הויפּטזעכליך צוליב די גרויסע שטייערן און פּראַפּיטן וואָס אַזעלכע פאַרוויילונגס און געמבלינג ערטער ברענגען אַריין פאַר די לאָקאַלע און סטעיט קאַסעס, אַ זאַך אויף וועלכן די ביזנעס אייגנטימער האָבן געריטן און נאָכאַנאַנד קאַמפּיינט ביי די פּאָליטיקאַנטן, וואָס האָט עווענטועל געפירט צום דערמאַנטן רעפערענדום און באַשטעטיגונג אינערהאַלב די סטעיט רעגירונג.

די לעצטע צייט האָבן עטליכע פירמעס אָנגעהויבן פאָרצולייגן פאַרשידענע פּלענער פאַר אַ ספּעציעלן סטעיט קאָמיסיע. די פּלענער נעמען אַריין די פּונקטליכע באָדנס וואָס זיי שלאָגן פאָר אַלס פּאַסיגע גאַסטגעבער

(פאַרזעצונג אויף זייט 14)

FLAUM
MANAGEMENT COMPANY, INC.
DEVELOPMENT • BROKERAGE • CONSULTING

**Village of Woodbury
Casino Resort Proposal**




אילוסטראציע פון "געמבלינג קאסינא רעזארט" פלענער אין וואודבורי – מאפע צייגט נאנטקייט פון שעדליכע קאסינאס צו די הייליגע שטאט קרית יואל

# גיגאַנטישער בנין תלמוד תורה החדש והמפואר גאַלאָפּירט מיט ערנסטע בוי־פּראַגרעס, מבית ומבחוץ

**מבית: העפטיגע אַרבעט, איבער אַלע שטאָקן פונעם בנין, פון עלעקטעריק/פּלאָמבינג/עירקאָנדישאָן/ספּרינקלער סיסטעם - ומבחוץ: געביידע ווערט איבערגעדעקט און באַצירט מיט פּראַכטפולע ציגל און פענסטער, כראוי לבית ה' - שאו ידיכם קודש: גרויסאַרטיגער קרן הבנין קאַמפּיין "והראינו בבנינו" וועט פּראָקלאַמירט ווערן גלייך נאָך פּסח, אַריינצונעמען דעם גאַנצן ציבור אַלס שותפים אינעם בנין מיט לכה"פ זכות "בוני הבית", 1,800 דאָלאַר**



יראו עינינו וישמח לבינו! אין די יעצטיגע טעג ווען מ'פּאָרט אַריבער ביים ווינקל פון שטאָט אויף בעיקערטאַון ראָוד, ווערט מען אַרומגענומען מיט אַ שמחה עילאה צו זען מיט די אייגענע אויגן די הערליכע הרחבת גבולי הקדושה וואָס באַגלייט די הייליגע מוסדות, מיטן אויפבוי פונעם מאַיעסטעטישן בנין תלמוד תורה החדש והמפואר, וואָס שטייט שוין על תלה בנוי' און שפּאַנט פּאָראויס צו איר פולקאָמע ענדע, במלוא הודו ותפארתו בסייעתא דשמיא.

דער געברויך און נויט־וויכטיגקייט פון דעם נייעם בנין פּאַר די מוסדות, איז שוין גענצליך איבעריג אַרויסצוברענגען, ווען יעדער וואָס קומט נאָר אין נאָנטע פאַרבינדונג מיט דער תלמוד תורה, צי דורך די אייגענע קינדער און אייניקלעך בליעה"ר, אָדער אַז עס קומט אויס צו הערן פון איינער פון די הונדערטער איינגעשטעלטע אין דער מוסדות, וועט זיך באַלד באַקאַנט מאַכן מיט די אומדערטערעגליכע באַגרעניצונגען אין פּלאַץ, מיט וועלכן די מוסדות הק' און די עקזיסטירנדע בנינים פּלאָגן זיך.

דאָס האַרץ פון אַלע עלטערן און אנ"ש קוועלט פאַר שמחה ונחת מתוך התרגשות דקדושה, מיטהאַלטנדיג ווי די הייליגע "מוסדות סאַטמאַר בקרית יואל", וואָס אבינו רועינו מרן רבינו הקוה"ט זי"ע האָט מייסד געווען בשארית כוחותיו לשמו ולזכרו מיט געווני פערציג יאָר צוריק; די הייליגע מוסדות וואָס איז געווען אַלע יאָרן דערויף צמוד על לוח לבו הטהור פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, איז זיך בליעה"ר צעוואַקסן היינט צוטאָגס צו אַזאַ מעכטיגע אימפּעריע לשם ולתפארת ולתהלה, זייענדיג כהיום די גרעסטע מוסדות התורה והחינוך אין דער גאָלדענער קייט פון מלכות סאַטמאַר, תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

ביילייפיג ברענגט יעדע פאַרבייגייענדע חודש צו פאַר די מוסדות הקדושים נאָך אַ גאַנצע קלאַס, כן ירבו, וואָס מיינט אַז די הנהלה קען נישט פאַרמאַכן קיין אויג און ברויך כסדר טאָן פעולות מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה און מוסיף זיין ספסלי ביהמ"ד אין יעדע איינציגע אָפּטיילונג פון די ברייט־פאַרצווייגטע מוסדות, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

אין קייט פון די מאַסיווע פאַרלאַנגטע הרחבת גבולי הקדושה, איז די הנהלת המוסדות געווען געצווינגען אַריינצושפּרינגען אין דעם מעכטיגן פּראָיעקט פון אַריבער 10 מיליאָן דאָלאַר, אויפבויענדיג דעם נייעם הערליכן פעסטונג ביים אַריינגאַנג פון שטאָט, וואָס

(פאַרזעצונג אויף זייט 20)

## העפטיגע צוגרייטונגען אַהערצושטעלן פּראַכטפולע מקוה אין בית המדרש "ברך משה", אין פולן שוואונג

**שפּאָגל־נייע סטאָרעדזש געביידע פאַר "פּאַלם גאַרדנס מענעדזשמענט", ווערט אויפגעבויעט אויף אַנדערע שטח צו מאַכן פּלאַץ פאַר נייע מקוה**

אין גאָר פרייליכע נייעס פאַר מתפללי בית המדרש ברך משה דקהל יטב לב און איינוואוינער פון די ד.א. ווידער און קאָזניץ גאַסן און אומגעגנט, האָט מען אין די פאַרגאַנגענע טעג צוגעטראָטן צו די בוי־אַרבייט מרחיב צו זיין גבולי הקדושה, מיטן אויפבוי פון דער פּראַכטפולער מקוה טהרה אויפ'ן אונטערשטן שטאָק פונעם בית המדרש.

דער געברויך אויפצובויען אַ באַקוועמע מקוה פאַר די געגנט און מתפללי בית המדרש איז כסדר געשטיגן מיט'ן צופלוס פון נייע דירות אין דער געגנט, ובפרט נאָכדעם וואָס דער בית המדרש זעלבסט האָט זיך קונה שם געווען אַלס אַ לייכטטורעם פאַר דער גאַנצער געגנט, שפּרידלענדיג מיט לומדים און מתפללים אַ גאַנצע וואָך און הויפּטזעכליך ביום השבת קודש ומועדי השנה.

דער ביהמ"ד שטייט אונטער די השפעה פונעם חשוב'ן רב הביהמ"ד הגה"צ רבי ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"ן, וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין געוואַלדיגע איבערגעגעבנקייט פאַר די מתפללי הביהמ"ד ותושבי השכונה, ורבים נהנים ממנו עצה ותושיה, און אַזוי אויך איז דער ביהמ"ד געבענטשט מיטן חשוב'ן מו"ץ ומרביץ תורה הגה"צ רבי יוסף משה שטויבער שליט"א, וועלכער דינט אַלס דיין פונעם ביהמ"ד און לערנט פאָר שיעורי תורה, וואָס דאָס פאַר זיך ציעט אַן שיינער ציבור פון מקשיבי השיעור ושומעי לקחו.

כדי אויפצובויען אַ מקוה אונטערן ביהמ"ד האָט זיך אָבער פאַרלאַנגט אַז דער חלק פון דער געביידע וואָס ווערט גענוצט דורך די "פּאַלם גאַרדנס מענעזשמענט" וועלכע פאַרפיגט

(פאַרזעצונג אויף זייט 10)

## קרית יואל אָטעמט אָפּ ווען "סיוויל ליבערטי יוניאָן" גיט אויף לעגאלן קאמפ קעגן דעם חומת הצניעות אינעם נאָבעלן "רוח החיים־קינדער פּאַרק"

ווי דער "הקריה" האָט בשעתו געמאָלדן דעם פאַרגאַנגענעם חודש כסלו, האָבן די אויסגעשפּראָכענע אַמעריקאַנער "סיוויל ליבערטי יוניאָנס", באַקאַנט אונטער די בוכשטאַבן "עי. סי. על. יו.", אַריינגעטראָגן אַ קלאַגע קעגן קרית יואל, פאַרלאַנגנדיג געריכטליכע אינטערוועניץ בשייכות צו דעם נאָבעלן "רוח החיים־קינדער פּאַרק" וואָס די הנהלת הקריה האָט געבויעט, מיט אַ זינלאָזע טענה אַז דער פּאַרק און די גדרי הצניעות טוען פאַרלעצן די רעכטן פון די פּאַרק באַנוצער.

אין גאָר דערפרישנדע נייעס מעלדט די הנהלת הקריה אַז נאָך לענגערע הין־און־צוריק געשפּרעכן, מיט דער באַשטעטיגונג פונעם געריכט, איז געלונגען צו שליכטן די קלאַגע און אויסצואַרבייטן אַז די "עי. סי. על. יו." זאָל זיך אָפּלאָזן פון קרית יואל און האָבן איינזעעניש מיט די ווילן פון אירע איינוואוינער, וועלכע זענען העכסט צופרידן מיט די ספּעציעלע איינריכטונגען, און ווילן דייקא לעבן אויף אַ באַשיידענעם און אָפּגעזונדערטן לעבנסשטייגער און טוען בכלל נישט שפּירן אַז זייערע רעכטן ווערן פאַרלעצט דורך די פּאַרק ווירטשאַפט אָדער דורך די הנהלת הקריה.

ווי מיר האָבן דעמאָלט באַריכטעט, האָט זיך די קלאַגע אָנגעהויבן מיט אַ פאַרלאַנג אַז דער ווילעדזש זאָל צושטעלן פאַרשידענע דאָקומענטן, וואָס זאָל באַשטעטיגן די פינאַנצן פונעם פּאַרק אויפבוי, מיט אַ טענה אַז דאָס געלט איז געקומען פון סטעיט און/אָדער פעדעראַלע פאָנדן, און ממילא איז נישט גערעכט אַז דאָס זאָל פאַרנוצט ווערן אויף אַ וועג וואָס טוט פאָראויסברענגען רעליגיעזע ווירדען און געברויכן.

דאָס ערשטע האָט דער ווילעדזש צוגעשטעלט די נויטיגע דאָקומענטן, אויפווייזנדיג אַז דער פּאַרק איז אויסשליסליך געבויעט געוואָרן מיט ווילעדזש פאָנדן און קיין שום דרויסנדיגע רעגירונגס קאַסעס זענען נישט פאַרנוצט געוואָרן אַהערצושטעלן דעם פּאַרק. דערויף האָט דער ריכטער פאַררופן, וואָס מ'רופט, אַ "סטעטוס קאָנפרענץ", וואוביידע צדדים באַקומען אַ רעכט זיך אויסצושמועסן און אַ געלעגנהייט אַז די קלאַגע זאָל קענען געשליכטעט ווערן צווישן זיך.

ביים דערמאַנטן קאָנפרענץ איז קלאָרגעשטעלט געוואָרן די באַהויפּטונג פונעם ווילעדזש, אַז סיי וועלכע גדרי הצניעות וואָס ווערט נאָכגעפאָלגט דורך די פּאַרק באַנוצער, איז עפּעס וואָס די באַנוצער זעלבסט ווילן אויספאָלגן און נישט אַ זאַך וואָס ווערט אַרויפגעצווינגען מטעם די פּאַרק

(פאַרזעצונג אויף זייט 17)

## נייער "שבת פּייפּער"

**אינסטאַלירט געוואָרן אויפן שטח הבית החיים דקהלתינו הק' דורך הנהלת הקריה מיט די הילף פון עסקנים חשובים הי"ו וועט זיין א שטארקער הילף פאר איינוואוינער פון סקאנעמאנק אומגעגנט**



# ברוכים הבאים

## צו די "רוח החיים" קינדער פארק

רוח החיים וועי - לארקין דר.

## אינפארמאציע און אנווייזונגען

פאר די קומענדיגע חול המועד הבעל"ט

רוח החיים קור-ארט

די קינדער פארק וועט זיין אפען דעם חול המועד אין די פאלגנדע צייטן:

**דאנערשטאג: פון 11:00 צופרי ביז 7:00 אוונט.**

**פרייטאג: פון 11:00 ביז 6:00**

**זונטאג: פון 11:00 ביז 6:00**

### אומזיסטע שאטל-טראנספארטאציע און פארקינג:

ספעציעלע שאטל-טראנספארטאציע וועט זיין צוגעשטעלט פונעם פארק און רייד, הין און צוריק יעדע 15 מינוט פריי פון אפצאל אנגעהויבן פון 12 מיטאג ביז 7:00, ביטע פארקן אינעם פארק און רייד אזוי ווי די נאנט צו 100 'רוח החיים פארקינג פלעצער' איז אומעגליך צו אקאמאדירן דעם חוה"מ טראפיק.

### ווילעדזש באס:

די 'רוח החיים רוט' פונעם ווילידזש באס וועט ארומפארן אויף די געווענליכע סקעדזשול ("וואל מארט רוט") ביז צום 'רוח החיים קינדער פארק' פון 1:00 ביז 6:30.

### פובליק סעיפטי:

א פובליק סעיפטי פאטראל וועט זיין אנוועזנד במשך די שעות וואס ס'איז אפען פאר סיי וועלכע וויכטיגע הילף/עמוירדזשענסי.

### זויבערקייט:

ביטע האלטן דאס פלאץ זויבער און נישט איבערלאזן קיין מיסט, פאר'ן כבוד פון אלע באזוכער.

### רעגולאציעס:

ביטע אויספאלגן אלע רעגולאציעס און פארשריפטן, וועלכע שטייען ארויסגעשריבן אויפ'ן ספעציעלן טאוול ביים אריינגאנג צו די 'רוח החיים קינדער פארק'.

פאר אלע אנגעלעגנהייטן ארום דעם פארק וואו השבת אבידה, קאמענטארן, אא"וו
רופט דעם ספעציעלן נומער (7275) 774-PARK,
עס איז ראטזאם צו רופן ביי א שווערע וועטער פאר מעגליכע טוישונגען אין די פארק שעות

א כשר'ן
און לוסטיגן יו"ט

## הנהלת הקריה

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

כה יתן ה' וכה יוסיף:

# דראַמאַטישע אויסברייטערונג פון אַלע אָפּטיילונגען אין "עזרת חולים העלט צענטער" מאַרשירט פאָראויס אין פולן גאַלאָפּ

**נייער פראַכטפולער "פּידיעטריקס שטאָק" אין אונטערשטן שטאָק פון צענטראַלע עזרת חולים געביידע, וועט געעפנט ווערן ביז געציילטע וואָכן - אַרבעט אויף פּאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק" וועט נאָכפאָלגן באַלד דערויף**

**אַלע אָפּטיילונגען פון עזרת חולים ווערן גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט, בכמות ובאיכות, נאָכצוקומען אומגעהויער וואַקסנדן פאַרלאַנג פאַר געזונטהייט סערוויסעס**

פונקט אַ יאָר צוריק, חודש ניסן תשע"ג לפ"ק, האָבן תושבי קרית יואל ערהאַלטן אין די פאָסט דעם אויג-פאַרכאַפּנדן בראָשור מיט די דערפרייענדע בשורה אַז "עזרת חולים העלט צענטער" איז אַריין אין אַ פאַזע פון אַ גאָר דראַמאַטישע אויסברייטערונג, צו קענען נאָכקומען און צופרידנשטעלן אויפ'ן העכסטן פאַרנעם די געזונטהייט סערוויסעס פון תושבי קרית יואל.

טראָץ וואָס בדרך כלל איז די אויסברייטערונג פון אַ העלט צענטער נישט דוקא אַ פריילינכע בשורה, איז עס אָבער גאָר עפּעס אַנדערש דאָ אין קרית יואל, וואו די אויסברייטערונג איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פונעם פענאָמענאַלן בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאָט קרית יואל.

גלייכצייטיג האָט די אומגעהויערע אויסברייטערונג פון עזרת חולים אָנגעזאָגט אַ צווייטע פונקט-אַזוי-גוטע בשורה, אַז דער ניוואָ פון די סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט אינעם העלט צענטער, אין סאַמע צענטער פון שטאָט, זענען פון אַזאַ הויכן קאַליבער און מיט די גרעסטע מאָס פּראָפעסיאָנאַליזם, געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, וואָס פירט דערצו אַז אין יעדע איינציגע אָפּטיילונג איז מען איבערגעשטרענגט און מ'קען פשוט נישט נאָכקומען דעם געוואַלדיגן פאַרלאַנג.

פאַר די אומערמידליכע הנהלה פון "עזרת חולים" האָט דער מצב און איבערגעשטרענגקייט שוין פאַרשאַפט נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט. די געטרייע באָורד מעמבערס, אין שפּיץ פונעם ראש העיר און ראש הקהל הרה"ח ר' אברהם וויעדער

(פאָרזעצונג אויף זייט 15)

## העפטיגע הכנות אָנצוהייבן אַרבעט אויף "דענטאַל שטאָק" וואָס וועט ערמעגליכן נאָכצוקומען אויסטערלישן פאַרלאַנג

**- צייטווייליגע לעזונג מיט אַריינשטופּן נאָך-אַ-צימער, וואַרט אויף DOH באַשטעטיגונג**

באַזונדער ברענגט די עפענונג פונעם "פּידיעטריקס שטאָק" מיט זיך אַ צווייטע פריילינכע נייעס, אַז ווי נאָר דער פּידיעטריקס שטאָק וועט ווערן פאַרטיג, וועט מען זיך קענען נעמען צו דער אַרבעט אויפ'ן ערשטן שטאָק פונעם עזרת חולים, אַהערצושטעלן דעם שפּאָגל-נייעם פּאַרטאָפּלטן "דענטאַל שטאָק", וואָס וועט צושטעלן פּונקט דאָפּלט צימערן און 'בענקלעך' ווי ביז היינט, און דאָס וועט ערמעגליכן בע"ה צו קענען אויפנעמען און געטריי באַדינען אויך די אַלע פּאַציענטן וועלכע ס'איז יעצט אוממעגליך אויפצונעמען צוליב'ן אויסטערלישן מאַנגל אין פּלאַץ.

אין די היינטיגע "הקריה" וועט איר טרעפן בייגעלייגט אַ פראַכטפולע סקיצע פונעם נייעם דענטאַל שטאָק, וואָס כמעשהו בראשונה, פונקט ווי ביי די פּידיעטריקס שטאָק סקיצע, וועט איר אויך דאָ קענען האָבן אַ שטיקל בליק איבער'ן געוואַלדיגן דורכברוך וואָס דער שטאָק וועט ברענגען מיט זיך פאַר דענטאַל מעדיצין אין קרית יואל.

אָבער די פיבערהאַפטיגע הכנות פאַר די אַרבעט אויפ'ן "דענטאַל שטאָק" איז נישט באַגרעניצט בלויז צו גראַפישע סקיצעס און שיינע בילדער. אפילו ווען די פאַקטישע אַרבעט קען זיך נאָכנישט אָנהייבן אויפ'ן שטאָק ביז ווען די "פּידיעטריקס שטאָק" ווערט נישט געעפנט, האָט די הנהלה

(פאַרזעצונג אויף זייט 15)

### ספּעציעלע "עמערזשענסי שעה'ן" וועלן איינגעשטעלט ווערן נאך פסח אין "דענטאל" אפטיילונג

**עקספּערימענטאלער פּלאַן פאר א חודש צייט, אנגעהויבן פון מאנטאג בהר, May 5, וועט ערמעגליכן אריינצוקומען אין צענטער פאר עמערזשענסי באהאנדלונג, אָן קיין אפּוינטמענט, פון 7:00 ביז 9:00 צופרי**

**די סערוויס וועט זיין עוועלעיבל א גאנצע וואך, אויסער זונטאג**

ווי עס ווערט איבערגעגעבן דורך די הנהלה פון עזרת חולים, וועט קומענדיגן מאנטאג בהר, May 5, אריינגיין אין קראפט א נייער עקספּערימענט אין די "דענטאל" אפטיילונג פאר א חודש צייט, וואס עס וועלן זיין באשטימט יעדן

(פאַרזעצונג אויף זייט 15)

## שטאַרקע נאָכפראַגע פאַר וויכטיגע "ריהעב און טעראָפּי" סערוויסעס פירט צו עפענען אָפּטיילונג אויך אום זונטאָג

**אימערמידליכע האָרעוואַניע צו עפענען ווי אַמשנעלסטן ריזיגן "ריהעב און טעראָפּי" אָפּטיילונג אין עזרת חולים'ס ביזנעס-צענטער פיליאַלע**

ווי שוין געמאָלדן וועט די "ריהעב און טעראָפּי" אָפּטיילונג פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" בע"ה זיך אויסטערליש שטאַרק צעברייטערן מיט'ן זיך אַריבערציען צום דריטן שטאָק פונעם גיגאַנטישן ביזנעס צענטער ביים אַריינגאַנג צום שטאָט, וואָס וועט ערמעגליכן צו קענען אַהערשטעלן די בעסטע און פאָרגעשריטנסטע "ריהעב" און צושטעלן גענוג פּלאַץ פאַר אַלע נויטיגע געברויכן.

איינע פון די אָפּטיילונגען וועלכע האָבן געשאַפן דעם כתר שם טוב פאַר'ן עזרת חולים איז בלי ספק איר גאָר סאָפיסטיקירטער און אויסגערימטער "ריהעב און טעראָפּי" אָפּטיילונג, וואו עס ווערן היינט באַנוצט יעדן איינציגן טאָג אַזויפיל ווי צען צימערן פאַר די פאַרשידענע סאָרט ריהעב און טעראָפּיס, און אפילו דאָס איז ווייט נישט גענוג נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג.

האָפנטליך וועט מען באַווייזן ווי אַמשנעלסטן צו קריגן די באַשטעטיגונג פון די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט, און זיך נעמען בקרוב צו די מלאכה מרובה פון אַהערשטעלן אַ פולקאָם-אויסגעשטאַטע אָפּטיילונג צום העכסטן שטאַפּל.

אינצווישן האָט מען צוליב'ן גאָר גרויסן פאַרלאַנג אָנגענומען אַ באַשלוס צו עפענען די "ריהעב און טעראָפּי" אָפּטיילונג אויך יעדן זונטאָג, טראָץ וואָס ס'איז היפּש שווער פאַר די פּראָפעסיאָנאַלן צו קומען זונטאָג צו דער אַרבעט און ווי פאַרשטענדליך קאָסט עס אַסאַך כח און מח צו קענען אויסאַרבעטן על צד היותר טוב, פאָרט קוקט מען נישט אויף גאָרנישט ווען עס קומט צוצושטעלן די בעסטע געזונטהייט סערוויסעס פאַר תושבי קרית יואל.

## שפּאָגל נייע "אַפּטאַמעטרי" אָפּטיילונג שוין אויפגעלאָכטן הונדערטער אויגן פון תושבי העיר

ווי שוין געמאָלדן אין פריערדיגע "הקריה" נומערן, האָט עזרת חולים באַוויזן אויפצובויען אַ הערליכן "אַפּטאַמעטרי" ווינקל אויפ'ן צווייטן שטאָק פון די צענטראַלע עזרת חולים געביידע, וואָס האָט אין די קורצע צייט שוין באַוויזן גאָר שטאַרק אַרויפצוברענגען דעם ניוואָ פון "אַפּטאַמעטרי" סערוויס אין קרית יואל.

טראָץ וואָס "אַפּטאַמעטרי" געהער צו די "ספּעשילטי" אָפּטיילונגען, און איז באַגרעניצט בלויז צו דער באַהאַנדלונג פונעם אויג, איז עס אָבער אַ קריטיש-וויכטיגער אָפּטיילונג אין העלט צענטער, ווייל די אויגן זענען פון די וויכטיגסטע גלידער..

ביז היינט איז דער סערוויס געווען גאָר באַגרעניצט צו איין צימערל וואָס מ'האָט 'גע'גנב'עט' פון די "זשענעראל מעדיצין" אָפּטיילונג. אַצינד, מיט דער נייער הערליכער אָפּטיילונג, האָט מען געקענט גאָר שטאַרק פאַרברייטערן די צאָל שעות ווען אויפצונעמען פּאַציענטן, און מ'האָט שוין געקענט אויפנעמען איין פול-טיים דאָקטאָר, אויסער דעם אַנדערן פּאַרט-טיים דאָקטאָר. מאָמענטאַל זוכט מען אויפצונעמען נאָך אַ דאָקטאָר אויף צו קענען אויסנוצן דאָס פּלאַץ וואָס איז יעצט דאָ, כאָטש דאָס איז נאָך אויך היפּש באַגרעניצט.

אין דער זעלבער צייט גייען אָן אין פולן שוואונג די פיבערהאַפטיגע אַקטיוויטעטן אַהערצושטעלן דעם עזרת חולים שטאָק אינעם "ביזנעס צענטער", וואָס וועט ערמעגליכן נאָכמער צו פאַרברייטערן דעם "אַפּטאַמעטרי" אָפּטיילונג און אַריינברענגען נאָך אויסגעצייכנטע דאָקטוירים צו קענען נאָכקומען אינגאַנצן דעם כסדר שטייגנדן פאַרלאַנג.

עיניה"ם של ישראל נשואות.

## געענדיגט מאַסיווע אונטערנעמונג אַריבערצוגיין צו בלויז עלעקטראָנישע מעדיצינישע רעקאָרדס

**וועט זיין שטאַרק בייהילפיג צו קענען האָבן גרינגע צוטריט צו אייגענע מעדיצינישע רעקאָרדס - וועט גלייכצייטיג האַלטן מעדיצינישע רעקאָרדס מער פאַרזיכערט**

אין די איצטיגע טעג האָט עזרת חולים געפאַרטיגט די מאַסיווע אונטערנעמונג אַריבערצופירן אַלע מעדיצינישע רעקאָרדס פון די טויזנטער פּאַציענטן צו אַן עלעקטראָנישן פאָרמאַט — אַן אָפּעראַציע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זעקס יאָר צוריק אין 2008 למספרם.

אין לויף פון די זעקס יאָר האָט מען אַריבערגעפירט מער ווי אַ "מיליאָן" דאָקומענטן צום קאָמפּיוטער, וואו עס ווערט געהאַלטן אין אַן אויסטערליש-מסודר'דיגן אופן, אַסאַך מער ווי אַ מענטשליכע האַנט קען באַווייזן, און דאָס האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ שטאַרקע הילף פאַר פּאַציענטן וועלכע האָבן געדאַרפט דערגרייכן זייערע מעדיצינישע רעקאָרדס, און אַדאַנק דעם קאָמפּיוטער סיסטעם איז היינט פיל לייכטער צו קריגן די דאָקומענטן און עס אַריבערשיקן צום נויטיגן אָרט וואו עס דאַרף אָנקומען.

גלייכצייטיג האָט דאָס אַריבערפירן די דאָקומענטן אינעם געשיצטן קאָמפּיוטער סיסטעם אויך ערמעגליכט צו האַלטן די רעקאָרדס אַסאַך מער פאַרזיכערט ווי ביז היינט בס"ד, וואָס איז ווי פאַרשטענדליך אַ גאָר וויכטיגער אויפטו לטובת די טויזנטער פּאַציענטן וועלכע קענען זיין רואיגער אַז זייער אינפאָרמאַציע וועט בלייבן אין שטרענגסטן געהיים בע"ה.

# נייע פעדעראַלע רעגולאַציעס צו באַשיצן זעלטענע שרצים שטעלט צייטווייליג אָפּ לאַנג-ערוואַרטעטן "ראָוד אויסברייטערונג" פּראָיעקט

"אַ גוטע זאַך קומט אָן שווער" גייט דער אויסדריק. אין אונזער פאַל איז דאָס דער ברייטפאַרצווייגטער "ראָוד אויסברייטערונג" פּראָיעקט, איבער וואָס דער "הקריה" האָט שוין פאַרגאָסן אַזויפיל טינט די לעצטע פּאָר יאָר, מוז זיין גאָר אַ גוטע זאַך, לויט די פילע דורכגענג און שוועריקייטן מיט וואָס דאָס איז אַרומגענומען.

די רעדע איז פון דעם ריזיגן אונטערנעמונג אויסצוברייטערן די צענטראַלע ראָודס פון קרית יואל, נעמליך: בעיקערטאַון, עיקרס און פאַרעסט, אַז עס זאָל גרייכן צו אַ ברייט פון פערציג פיס, און דערביי צולייגן ספּעציעל-דעזיגנירטע "טוירן לעינס" אַז די קאַרס וואָס דרייען זיך לינקס אַרויס פון די ראָודס זאָלן וואַרטן אין באַזונדערע ליניעס און נישט אָפּשטעלן די לויפנדע טראַפיק, וואָס דאָס וועט בעזהשי"ת זיין גאָר אַ שטאַרקע טראַפיק פאַרלייכטערונג.

דאָס זעלבע נעמט דער פּראָיעקט אַריין צוצולייגן די גאָר וויכטיגע "סיידוואָקס" ביי די דערמאַנטע ראָודס, וואָס ביי טייל פון די ראָודס גרעניצט זיך דאָס ממש מיט סכנת נפשות און ברויך דרינגענד איינגעשטעלט ווערן פאַר די זיכערהייט פון תושבי קרית יואל.

נאָכדעם וואָס דער ווילעדזש האָט ענדליך ערהאַלטן באַשטעטיגונג פאַר די נויטיגע פאָנדס פון די פעדעראַלע רעגירונג צו דעקן דעם קאָסטבאַרן פּראָיעקט, איז דער ווילעדזש געגאַנגען צו די קומענדיגע פּראָצעדורן פון דעזיינען, פּלאַנירן, אַרכיטעקטירן און אַנדערע פאָרמאַלע

(פאַרזעצונג אויף זייט 29)

ויאמרו מצאנו מים:

# וואַסער-קוואַל אויף גאַרפילד ראָוד ווערט אָפּגעראַטעוועט בס"ד נאָך גרויסע האָרעוואַניע פון ווילעדזש'ס וואַסער דעפּאַרטמענט

מיט גרויס פרייד האט דער וואסער דעפארטמענט פונעם ווילעדזש אויפגענומען די נייעס אז עס איז ב"ה געלונגען איבערצוארבייטן און אפראטעוועז דעם וואסער קוואל נעבן ביהמ"ד הגדול אויף גארפילד ראוד.

דורכאויס די ווינטער-חדשים האָט די ווילעדזש'ס וואַסער דעפּאַרטמענט זיך געטראָפן מיט אַ פּראָבלעם, נעמליך אַז דער וויכטיגער קוואַל אויף גאַרפילד ראָוד, דרום זייט פון ביהמ"ד הגדול, וועלכעס איז אַ וויכטיגער טייל פונעם פאַרצווייגטן וואַסער סיסטעם אין קרית יואל און וואָס שטעלט צו דעם גאַנצן וואַסער-באַנוץ פאַר'ן ביהמ"ד הגדול און אירע טויזנטער מתפללים, האָט פלוצלינג אָנגעהויבן אויסטרוקענען.

אין די גוטע צייטן פלעגט דער קוואַל אַרויספּאָמפּן 200 גאַלאָן וואַסער פּער מינוט, וואָס ווערט פאַררעכנט אַלס גוטער קוואַל, אָבער פלוצלינג האָט מען באַמערקט אַז דער קוואַל האָט אָנגעהויבן דראַסטיש צו פאַלן און פּאָמפּט נישט מער ווי 30 גאַלאָן פּער מינוט, און צומאָל דאָס אויך נישט.

פאַרשטייט זיך אַז די געטרייע וואַסער דעפּאַרטמענט, וועלכע האָט שנעל אַנטדעקט דעם פּראָבלעם, האָט זאָפאָרט געלאָזט אַראָפּרופן געניטע אינדזשענירן אַריינצוקוקן וואָס האָט פּאַסירט מיט'ן קוואַל.

עטליכע אינדזשענירן זענען אַראָפּגעקומען באַטראַכטן דעם קוואַל פונדערנאָנט, און מער ווי איינער פון זיי האָט דערקלערט אַז דאָס איז עס! נישטאָ וואָס צו טון מער; דער קוואַל האָט אָפּגעדינט זיין פליכט און אויסגעהויכט די 'נשמה'; מ'דאַרף טרעפן אַנדערע לעזונגען.

דער וואַסער דעפּאַרטמענט האָט אָבער נישט אַזוי לייכט מוותר געווען אויף אַזאַ קריטיש-וויכטיגן קוואַל אין צענטער פון שטאָט, און אַנדערע אינזשענירן האָבן יאָ געגעבן האָפענונג. מ'האָט אַראָפּגעגראָבן אַ טיפן גרוב פון נאך עטליכע הונדערט פיס טיף, און בסיעתא דשמיא האָט מען ענדליך באַוויזן צוריק אויפצולעבן דעם קוואַל, אפילו אויב נישט צו זיין אָרגינעלע שטאַרקייט, אָבער היינט גיבט ער אַרויס בערך 130 גאַלאָן פּער מינוט.

די פריילילכע נייעס איז גוט געקומען אין די ריכטיגע צייט פון יאר, ווען אין די פארנומענע פאר-פסח טעג ווערן פארנוצט יערליך מאסיווע קוואנטומס פון וואסער, א זאך וואס האט אין די פארגאנגענהייט שוין געפירט צו עטליכע ערנסטע וואסער קריזיסן וואס האט געצווינגען אריינצוברענגען אין די איילעניש מעכטיגע וואסער-טרעילארס ארויסצוהעלפן מיט די וואסער פרעשור און סופליי, א זאך וואס אויסער א היבש ביסל עגמת נפש און אנגעצויגנקייט האט דאס אויך אפגעקאסט גוזמאות מיט געלט פאר די קרית יואל'ער שטייער צאלער.

אַלזאָ ווען איר גייט שעפּן מים שלנו, און בכלל נוצן אַ קראַן וואַסער אָדער אַנדערע געברויכן, בכלל איבער די שטאָט קרית יואל, זאָלט איר אָפּגעבן אַ שבח והודי' פאַר'ן אויבערשטן אַז עס איז געלונגען צו טרעפן אַ לעזונג צום פּראָבלעם און דערמיט פארזיכערט אז עס זאל נישט אָפּגעשטעלט ווערן דער וויכטיגער וואַסער פלוס אין די פאַרגרעסערטע ערב פסח וואַסער-באַנוץ סעזאָן.

ביום ההוא יצאו מים חיים.

# קרית יואל גרייט זיך צו די אכטע הילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

מיט התרגשות'דיגע געפילן גרייטן זיך אנ"ש איבער דער גאָרער וועלט, ובפרט תושבי עירינו קרית יואל, אָפּצוצייכענען די אכטע הילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וועלכע געפאַלט אויס דעם קומענדיגן "שבת נאָך פסח" שבת פרשת קדושים, כ"ו ניסן, ווען אלפי ישראל פון איבער דער גרעיטאָר ניו יאָרק וועלן באַלאַגערן די שטאָט און במשך די טעג אַרום פּוקד זיין מקום מנוחת קדשו אינעם אוהל הק' אויפ'ן ביה"ח און גלייכצייטיג זיך מסתופף צו זיין בצל קדשו פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

ביים איצטיגן מאָמענט גרייט מען זיך טאַקע צו די אכטע הילולא פונעם רבי'ן זי"ע, פאָרט אָבער ווילט זיך עס נישט גלייבן אַז שוין באַלד אכט יאָר איז דורכגעלאָפן זינט "משה עלה למרום" און דער רבי זי"ע איז נסתלק געוואָרן לגנזי מרומים. עס קומט כסדר אַרויף אויפ'ן זכרון וואָס דער בעל הילולא רביה"ק הברך משה זי"ע האָט נאָכגעזאָגט ביי די ערשטע סעודת הילולא פון מרן דודו רביה"ק הדברי יואל זי"ע, און וואָס יבלחט"א מרן רבינו הגה"ק שליט"א האָט איבערגע'חזר'ט ביי די ערשטע סעודת הילולא פון מרן אביו רביה"ק הברך משה זי"ע, די ווערטער פונעם בעל ההפלאה זי"ע, אַז טראָץ וואָס חז"ל זאָגן "גזירה על המת שישתכח מן הלב" איז דאָס אָבער נישט געזאָגט געוואָרן ביי צדיקים, וועמענס זכרון עס ווערט נישט פאַרגעסן, און וואָס א יאָר שפּעטער, דערמאַנט מען זיך מער איבער דעם צדיק וואָס איז נסתלק געוואָרן.

אָט דאָס שפּירט זיך בחוש אין די איצטיגע טעג ווען מ'גרייט זיך צו די אכטע הילולא פונעם רבי'ן זצוק"ל, וואָס דער צייט-אָפּשניט פון אַזויפיל יאָרן ברענגט נישט קיין שום שכחה, און אדרבה, וואָס א יאָר שפּעטער דערמאַנט מען זיך מער פון די פעולות צדיק לחיים, און די נאָסטאַלגישע זכרונות ערוועקן זיך אויף א געוואַלדיגן פאַרנעם. עס שטייט פאר די אויגן דאָס הייליג געשטאַלט פונעם רבי'ן זצ"ל ווי ער פראַוועט זיין עבודת הקודש, זיינע האַרציגע תפלות ביים עמוד, זיינע שיעורים עמוקים און פלאַמפייערדיגע דרשות וואָס ער האָט משמיע געווען פאַר'ן ציבור, דער "וירד משה מן ההר אל העם" ובמקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו, ווי ער האָט זיך אַזוי אַראָפּגעלאָזט צום ציבור מיט אַזויפיל ענוות חן און אַזויפיל אומבאַשרייבליכע צוגעלאָזענקייט וואָס קען שווער געשילדערט ווערן פאַר איינעם וואָס האָט דאָס נישט פערזענליך מיטגעהאַלטן.

ערשט אַצינד נאָך אַזויפיל יאָרן וואָס דער רבי זי"ע איז שוין נישט ליידער נישט דאָ, ערשט איצט דערמאַנט מען זיך מער און מער וואָס מ'האָט געהאַט די זכי' מיטצולעבן בחיים חיותו, און וואָס מ'האָט פאַרלוירן מיט'ן רבי'ן זי"ע'ס הסתלקות, ואבל יחיד עשו לך "קרית יואל" וואָס רעדענדיג פונעם רבי'ן זי"ע קומט אַלץ אַרויף אויפ'ן זכרון די ווערטער וואָס מ'האָט געזאָגט ווען איינער פון די פריערדיגע צדיקים זי"ע איז נסתלק געוואָרן, האָבן צדיקים זיך אויסגעדרוקט "ציון וירושלים האָט פאַרלוירן א גוטן פריינד". אויסער וואָס די ווערטער פאַסן זיך אַזוי גוט אויפ'ן רבי'ן זי"ע אַליינס, זייענדיג באַקאַנט מיט דעם געוואַלדיגן השתוקקות וואָס ער האָט געהאַט די גאולה שלימה, און די נהרי נחלי דמעות וואָס דער רבי זי:"ע האָט אַלץ פאַרגאָסן ביים זאָגן די פּרקי תפלה וואו מ'איז מתפלל אויף די גאולה שלימה, קלונגט נאָך אין די אויערן פון אלפי אנ"ש איבער די וועלט, אָבער אין די זעלבע צייט קען מען ריכטיג זאָגן אויפ'ן הסתלקות פון רבי'ן זי"ע "קרית יואל האָט פאַרלוירן א גוטן פריינד".

ביים איבערנעמען דעם כתר הרבנות פון די סאַטמאַרער קהלה גלייך נאָכ'ן הסתלקות פון מרן דודו רביה"ק הדברי יואל זי"ע, האָט דער רבי זי"ע גענומען אויף זיך א געוואַלדיגן אחריות פון אַלע סאַטמאַרער קהלות איבער דער גאָרער וועלט, אָבער דאך חיבה יתירה נודעת לו פונעם רבי'ן צו אונזער שטאט קרית יואל וועלכע איז ביים רבי'ן זי"ע געווען ווי א "בן יחיד" און האָט ממש געהאַט א דין קדימה בכל עת ובכל זמן.

דער רבי זי"ע פלעגט אַסאַך דערמאַנען, ווי נאָכ'ן הסתלקות פון רבי'ן זי"ע האָט מתחלה אויסגעקוקט אַז די גאַנצע האָראָוואַניע פון רבי'ן זי"ע ביים אויפבויען די שטאָט קרית יואל קען ח"ו גיין לאיבוד. דער רבי הברך משה זי"ע פלעגט אַלץ דערמאַנען ווי שטאַרק דער פעטער רביה"ק הדברי יואל זי"ע האָט משתוקק געווען אויפצובויען א שטאט מחוץ לעיר, וויפיל ער האָט זיך געמוטשעט און וויפיל כוחות ער האָט אַוועקגעגעבן, אַהערצושטעלן די שטאָט, ולעומת זה די שמחה עצומה וואָס דער רבי זי"ע האָט געהאַט ווען די שטאָט איז ענדליך אויפגעבויט געוואָרן. עס דערמאַנט זיך דעם התרגשות מיט וואָס דער רבי זי"ע הברך משה פלעגט רעדן פון די שטאָט קרית יואל, און דערמאַנען ברגש של קדושה די שמחה וואָס דער רבי זי"ע הדברי יואל האָט געהאַט מיט'ן "יעדן הויז" וואָס מ'האָט געבויט אין קרית יואל.

טאַקע דאָס, וויסענדיג ווי שטאַרק עס איז דעם פעטער מרן רביה"ק הדברי יואל זי"ע געגאַנגען בנפשו דאָס אויפשטעלן די שטאָט קרית יואל, האָט געברענגט אַז דער רבי זי"ע דער בעל הילולא האָט זיך אַזויפיל אַוועקגעגעבן פאר קרית יואל, און די שטאָט קרית יואל איז אים ממש געגאַנגען בנפשו. עס איז כמעט נישט געווען אַזאַ זאַך אַז ווען דער רבי זי"ע האָט אויפגעטרעטן פאַר'ן ציבור איבער די פעולות פונעם גרויסן פעטער מרן רביה"ק זי"ע אַז ער זאָל נישט דערמאַנען צווישן אַנדערן דאָס התייסדות פון די שטאָט קרית יואל, און בכלל האָט דער רבי זי"ע זיך אַזוי אַוועקגעגעבן פאר די שטאָט בכל חום לבבו ונפשו.

(פאַרזעצונג אויף זייט 15)

# קריטיש-וויכטיגע "רויט לייט" פּלאַנירט ביי בעיקערטאַון קאָרנער מירון

מיט פרייד ווערט אויפגענומען די נייעס ביי אַלע איינוואוינער פון די גאַסן אויף מירון, פּראַג, טבריי', לייפּניק און אַרום, אַז מען שטייט אַצינד אין די סאַמע לעצטע פאַזעס פון אינסטאַלירן אַ ספּעציעלן "סטאַפּ-לייט" ביים קאָרנער מירון וועלכע פירט אַרויס צו די בעיקערטאַון גאַס, האַרט קעגנאיבער דעם ביזנעס צענטער, וואָס מיטן באַשעפער'ס הילף וועט דאָס פיל פאַרגרינגערן צו קענען קומען און גיין פונעם ביזנעס צענטער רואיגערהייט און זיכערערהייט.

זינט דער אויפבלי' פונעם מירון געגנט און די אַרומיגע גאַסן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע פלייץ פון פיסגייער וועלכע קומען און גייען צום ביזנעס צענטער. דער צופלוס פון פיסגייער ביים קאָרנער מירון און בעיקערטאַון האָט אָבער געברענגט מיט זיך אַ שטאַרקע סכנה, ווייבאַלד דאָס אַריבערגיין די גאַס קומט אויס פונקט נאָנט צום אָרט וואו קאַרס קומען אַריינצופאָרן אין שטאָט אָדער פאָרן אַרויס, און צומאָל באַמערקט מען נישט אַז מענטשן גייען אַריבער די גאַס, וואָס די סכנה דערפון איז איבריג אַרויסצוברענגען, און פון די אַנדערע זייט איז אויך זייער שווער אַריבערצוגיין די גאַס, צוליב דעם שטאַרקן טראַפיק-פאַרקער.

דעריבער האָט די הנהלת הווילעדזש אונטערגענומען אַ ספּעציעלע פּראָיעקט אַוועקצושטעלן אַ סטאַפּ-לייט ביים אַרויסגאַנג פון מירון קעגנאיבער דעם ביזנעס צענטער, וואו די קאַרס וועלן דאַרפן קומען צו אַ פולשטענדיגן אָפּשטעל און ערמעגליכן פיסגייער אַריבערצוגיין די גאַס מיט אַ רואיגקייט. דער נייער "סטאַפּ לייט" וועט זיין אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי ביי עיקערס קאָרנער לעמבערג, וואו עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ לעבנס-רעטער און האָט פיל פאַרגרינגערט פאַר די פילע איינוואוינער פון די לעמבערג גאַס.



# ווילעדזש נעמט אונטער מאַסיוון פילטער פּראָיעקט ארויפצובריינגען און צו פארבעסערן דעם "סוער פּלענט" אויף בעיקערטאַון ראָוד

נאָך עטליכע יאָר פון צייטווייליגע און קורץ-טערמיניגע איינריכטונגען ביים ריזיגן קרית יואל'ער "סוער פלענט" רישט זיך דער ווילידזש אָט אָט אָנצוהייבן מיט גאָר אַ טייערן פּראָיעקט וואָס וועט בעזהשי"ת זיין אַ פּערמאַנענטער לעזונג און שטאַרקער דורכברוך צו פילטערן און ריייניגען די אָפּפאַל און סוער-מאַטריאַל פונעם פלענט.

דער "בעקוואַש" נושא איז בעצם נישט קיין נייער. "בעקוואַש" באַדייט אַז דער סוער קען נישט פאַרנעמען דעם קראַפט מיט וועלכן די אָפלויף קומט אַריין צום סוער פלענט.. דער וועג זיך צו ספּראַווען מיט דעם איז דורך אויפבויען אַ "בעקוואַש סיסטעם", וואָס האַלט צוריק די אָפּלויף און פאַרלאַנגזאַמט דעם פלוס צום פילטערונג פּראָצעדור, און אַזוי אַרום קען דער פילטער גוט רייניגן און פּראָצעסירן די אָפּלויף מאַטריאַל, אָן אַ נאָכאַנאַנדן אָפּלויף-דרוק.

ביז היינט האָט מען זיך געספּראַוועט מיט קורץ-טערמיניגע און פּרימיטיווע איינריכטונגען, אָבער נאָך דרוק פון די קאַונטי וועלכע פאַרפיגט אויף די סוער פלענט אַלס טייל פון "קאַונטי סוער דיסטריקט #1" און אויך פון די ניו יאָרק סטעיט ענווייראָמענטאַל דעפּט. באַקאַנט אַלס "די. אי. סי.", האָט דער ווילעדזש באַשלאָסן אונטערצונעמען דעם פּערמענאַנטן גאַנג און אויפבויען אַ פארשטערקערטן "בעקוואַש סיסטעם" אינערהאַלב דעם "סוער פלענט" אויף בעיקערטאַון ראָוד.

די אַרבייט וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר אַ "ביד פּראָצעדור", ווערט צוטיילט אין צוויי באַזונדערע בוי-פּראָיעקטן. דאָס ערשטע אַרבייט נעמט

(פאַרזעצונג אויף זייט 29)

# אַפּעלאַט געריכט שליידערט אַרויס קלאַגע פון וואודבורי איבער סוער אָפּמאַך מיט קרית יואל

פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פר' פקודי ולמס' פעברואַר 26 האָט קרית יואל פריי אָפּגעאָטעמט נאָכדעם וואָס פיר אַפּעלאַט ריכטער האָבן איינשטימיג געאורטיילט קעגן דעם נידריגערן ניו יאָרק סטעיט סופרים קאָורט ריכטער ניקאָליי'ס פסק פון פאַריאָר, אין דער קלאַגע וואָס טאַון אָוו וואודבורי האָט אַריינגעטראָגן קעגן די קאַונטי און קרית יואל אַנבאַלאַנגט אַ סוער-אָפּמאַך פון שנת תש"ע.

דורכאויס די פאַרלאָפענע יאָרן איז פאָרגעקומען אַ לאַנג-פאַרצויגענער קאַמף איבער דעם קריטיש-וויכטיגן וואַסער פייפליין, ווען די טרויעריג-באַרימטע אַקטיוויסטן פון די שכינות'דיגע טאַון אָוו וואודבורי האָבן נאָכאַנאַנד אונטערגעשטעלט פיסלעך צו שטערן דעם מאַכטפולן פּראָיעקט, וואָס האָט אַריינגענומען עטליכע געריכטליכע פּראָצעדורן וואָס קרית יואל איז געווען געצווינגען צו באַקעמפן.

די קלאַגעס, וואָס זענען געווען איבערן פייפליין זעלבסט, האָט אָבער אויך אַריינגענומען קלאַגעס וויאַזוי קרית יואל וועט קענען פאַרנעמען דעם וואוקס וואָס דער פייפליין וועט מיטברענגען, הויפּטזעכליך איבער די סוער לאַגע וואָס דאָס קען שאַפן און וויאַזוי די קאַונטי וועט זיך ספּראַווען דערמיט. די קלאַגעס זענען געווען פון די קאַונטי און עס האָט אויך אַריינגענומען געצווינגענע קאָנטער-קלאַגעס מצד קרית יואל.

ענדגילטיג האָט קרית יואל פרידליך געשליכטעט דעם סכסוך מיט די קאַונטי. אין אַ היסטאָרישן אָפּמאַך אין יאָר תש"ע האָט זיך קרית יואל פאַרגליכן מיט די קאַונטי אויף ביידע פראָנטן, סיי אויף די רעכטן צו בויען דעם וואַסער פייפליין און סיי אויף די צוקונפטיגע סוער פראַגע, און דאָס האָט בשעתו געעפנט דעם וועג אַז מען זאָל קענען אָנהייבן זיך צו רוקן ווייטער און אַרבעטן אויפ'ן פייפליין.

די אַקטיוויסטן אין וואודבורי

(פאַרזעצונג אויף זייט 27)

Legals | Legals

**NOTICE PURSUANT TO THE NEW YORK EMINENT DOMAIN PROCEDURE LAW FOR THE ACQUISITION OF CERTAIN REAL PROPERTY LOCATED IN THE VILLAGE OF WOODBURY, NEW YORK**

**NOTICE IS HEREBY GIVEN** to all persons that a public hearing, pursuant to Article 2 of the New York Eminent Domain Procedure Law ("EDPL") will be held by the Village of Woodbury ("Village") on **MARCH 13, 2014, beginning at 7:00 PM**, local time, at the Town Hall, 511 Route 32, Highland Mills, New York 10930.

Said public hearing is being held for the purpose of considering (i) the proposed "acquisition" by condemnation (as such quoted term is defined under EDPL; hereinafter referred to as the "Acquisition") of all or portions of certain "real property" (as such quoted term is defined under EDPL) and improvements consisting of the Woodbury Heights Estates Water Company, Inc. ("Company") and located at 22 Country Hollow, Woodbury, New York 10930 being Tax Map Numbers 247-5-2, 247-5-25 and 247-5-3 (herein the "Property") in the Village of Woodbury, Orange County, New York; and (ii) the public purpose of the proposed Acquisition, location of the Property, general effects of the proposed Acquisition on the environment and the residents of the locality and other relevant information. No alternate locations are being considered at this time.

The proposed Acquisition of the Property is required for and is in connection with a certain project (the "Project") consisting of, among other things, the acquisition of certain property of the Company and improvements located at 22 Country Hollow, Woodbury, New York 10930 being Tax Map Numbers 247-5-2, 247-5-25 and 247-5-3 for the purposes of the Village acquiring a viable source and facility for water consumption by Village residents and other health, safety and welfare needs of the Village and its residents as well as others relying upon Village water resources. Pursuant to the New York State Environmental Quality Review Act, Article 8 of the Environmental Conservation Law, and its implementing regulations at 6 N.Y.C.R.R. Part 617 (collectively referred to as "SEQRA"), the Agency, by Resolution adopted on February 13, 2014, issued its SEQRA determination concerning the acquisition of the Property.

All interested persons are invited to attend said public hearing and present their views regarding the proposed Acquisition. Persons unable to attend the public hearing, or persons in attendance at the public hearing, may submit to the Village, either prior to, during or after the public hearing, any written comments or other related documents regarding the proposed Acquisition. Any written comments and related documents received by the said Hearing Date or within ten (10) calendar days of the Public Hearing will become part of the official public hearing Record. Written comments can be sent to the attention of Desiree Potvin, Village Clerk at the Town Hall, 511 Route 32, Highland Mills, New York 10930 (or PO Box 546, Central Valley, NY 10917). Comments received after the close of business on March 24, 2014, will not be considered as part of the Record.

Dated: February 12, 2014

BY: BOARD OF TRUSTEES FOR TH E VILLAGE OF WOODBURY, NEW YORK

# ווילעדזש אָוו וואודבורי דראָעט זיך צו באַנוצן מיט "עמינענט דאָמעין" געזעץ אַוועקצונעמען שפּרודלענדע וואַסער-קוועלער פון קרית יואל

**גאָר רייכע קוועלער אין וואודבורי לעצטנס אָפּגעקויפט דורך קרית יואל אַלס טייל פונעם לאַנג-טערמיניגען וואַסער סיסטעם- קרית יואל געצווינגען צו באַקעמפן אומבאַרעכטיגטע אַקט פון וואודבורי**

איינע פון די שטאַרקסטע ראיות צו דעם געוואַלדיגן כח הקדושה וואָס באַגלייט קרית יואל, איז דוקא פונעם גרויסן כח המנגד אין וואָס מ'שטויסט זיך אָן ביי יעדן שריט פון הרחבת גבולי הקדושה, און טראָץ דעם וואָס צום סוף זעט מען שטענדיג די סייעתא דשמיא און כוחו של אותו זקן ווען דער צד הקדושה זיגט ענדגילטיג, טוט עס אָבער נישט אייביג אָפּשטעלן די אומפאַרגינערישע צרי-עין, וועלכע לייגן אונטער שטיינדלעך און פּרובירן צו שטערן יעדן דבר טוב וואָס ווערט אונטערגענומען דורך קרית יואל, צו פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ און אויסצוברייטערן די הייליגע שטאָט.

דער לעצטער פון אַזעלכע פּראַוון איז לעצטענס אַפּירגעקומען איבער אַ שפּאָגל-נייעם געשעפט וואָס דער ווילעדזש האָט געשלאָסן מיט אַ ביזנעס-אייגנטומער וואָס האָט פאַרמאָגט אַ ריזיגן וואסער-סיסטעם אינעם ווילעדזש אָוו וואודבורי, וואָס אויף יענעם שטח געפונען זיך עטליכע גאָר רייכע וואַסער-קוועלער, וועלכע ווערן שוין יעצט טיילווייז גענוצט פאַר אַן אָרטיגע דעוועלאָפּמענט, אָבער פאַרמאָגן נאָך אומבאַנוצטע קראַפט אַרויסצוגעבן טויזנטער גאַלאָנען וואַסער טעגליך, וואָס קען דרינגענד גענוצט ווערן פאַרן געברויך פון קרית יואל אויף עטליכע וועגן.

די היסטאָריע פון די "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני" גיט צוריק מיט עטליכע יאָר, ווען אַ געוויסע דעוועלאָפּער מר. ריטשארד בראַדסקי האָט אויפגעבויעט אַ שיינעם קאָמפּלעקס פון זעכציג הייזער אין די היילענד מילס געגנט פון וואודבורי. דאָס געפונט זיך אַביסל אַרויפצוהר פון די באַקאַנטע "אחדות באָנגעלאָו קאָלאָני" אין שכינות פון קרית יואל.

אין רוב מוניציפּאַליטעטן אין אָפּסטעיט איז נישט איינגעשטעלט דער סיסטעם צו וועלכן מיר זענען געוואונט דאָ אין קרית יואל, אַז די מוניציפּאַליטעט שטעלט צו וואַסער פאַר אַלע איינוואוינער פון די געגנט, וואָס דאָס ווערט גערופן "מוניסיפּעל וואָטער סופּליי" — ווען דער ווילעדזש אָדער סיטי, אָדער אַנדערע סאָרט מוניציפּאַליטעט, שטעלט אַהער אַ וואַסער-סיסטעם איבער די שטחים פון דער מוניציפּאַליטעט, און אַלע איינוואוינער געניסן פון אַ ענדלאָזער וואַסער-סופּליי, און אין אויסטויש צאָלן די איינוואוינער אַ חודש'ליכן פּרייז לויט וויפיל וואַסער זיי האָבן פאַרנוצט.

אין די פּלעצער וואו די מוניציפּאַליטעט טוט נישט צושטעלן קיין וואַסער, האָבן די איינוואוינער עטליכע אָפּציעס איבער וואַסער: אָדער קענען זיך די איינוואוינער גראָבן אייגענע לאָקאַלע קוועלער, אָדער קען קומען אַ אומאָפּהענגיגע פירמע וועלכע גראָבט וואַסער קוועלער, און פאַר אַ באַשטימטן פּרייז שטעלט זי צו וואַסער פאַר די לאָקאַלע געברויכן. די צווייטע אָפּציע ווערט גערופן "אַ טראַנספּאָרטעישאָן קאָרפּאָרעישאָן" (נישט צו פאַרמישן מיט טראַנספּאָרטאַציע. דאָס נאָר צו באַצייכענען אַז די פירמע 'ליפערט' וואַסער פאַר פּריוואַטע היים אייגנטומער).

כדי צו קענען אַריינגיין אין אַזאַ סאָרט ביזנעס פון צושטעלן וואַסער אונטער אַ פּריוואַטן ווירטשאַפט, ברויך מען ערהאַלטן אַ ספּעציעלן ערלויבעניש פונעם "פּאָבליק סערוויס קאָמישאָן" פון די סטעיט, און נאָר מיט אַזאַ לייסענס קען אַזאַ פירמע צושטעלן וואַסער אָדער סיי וועלכע אַנדערע "יוטיליטיס" (די זעלבע לייסענס האָט, צום ביישפּיל, אַזאַ פּריוואַטע פירמע ווי אָרענדזש ענד ראַקלענד" וואָס שטעלט צו עלעקטרישע געברויכן) פאַר פּריוואַטע געברויכן.



ווי דערמאַנט האָט דער דעוועלאָפּער מר. בראַדסקי געבויעט אַ דעוועלאָפּמענט אין וואודבורי, און פאַר דעם דעוועלאָפּמענט האָט ער געגרינדעט די פירמע "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני", אונטער וועלכער ער האָט אויפגעאַרבייט די אונטערערדישע וואַסער-קוועלער וועלכע געפונען זיך בשכינות פון דעם דעוועלאָפּמענט. די "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני" האָט בשעתו אַרויסגענומען דעם פאַרלאַנגטן פּערמיט פונעם "פּאָבליק סערוויס קאָמישאָן" און צו דער זעלבער צייט האָט די "די. אי. סי." געגעבן אַן ערלויבעניש צו קענען טעגליך פּאָמפּן פופציג טויזנט גאַלאָן פון די קוועלער. טראָץ דעם וואָס די קוועלער האָבן אַ מעגליכקייט

(פאַרזעצונג אויף זייט 14)



# שערי חמלה אפטיילונג

## "מרבין בשמחה" אין אַלע ווינקלען פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, שפירט זיך לענגאוים דעם גאַנצן חודש אדר

**ראש חודש טאַנץ - פורים שפילן - פריילכע מאַרשן - "גאָלדמאַן'ס קאָנסטראָקשאָן" - "שמעלקי שפיל" - די שמחה האָט זיך איבערגעגאָסן פון די גליקליכע פנימ'ער צום האַרץ פון אַלע צוקוקער**

ווערעס האָט אַריינשפאַצירט דעם פאָריגן ר"ח אדר אין הייליגן מוסד שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ העכסט מערקווירדיגע סצענע: אין די קאָרידאָרן פוןביידע זייטן פון די געביידע אויפ'ן אויבערשטן שטאָק האָט געדונערט הילכיגע מוזיק און אין ביידע זייטן איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אַ פריילכער מאַרש. בחורים און יונגלעך זענען

(פאַרזעצונג אויף זייט 9)

## הערליכער בילד ווען בחורי חמד פון מוסד הק' שערי חמלה באַקן מצות אויף געהויבענעם פאַרנעם

**געקליבן ווייץ און געמאָלן מעל אין מצה בעקעריי דקהלתינו הק' - געבאַקן מצות אַלס אַ חבורה אין "טאָשנאַדער מצה בעקעריי" אין מאָנסי**

די ווירטשאַפט איז צוגעגאַנגען ווי אין יעדע אַנדערע חבורה, מיט אַ שטרענגער אויפזיכט און נאַטורליכער יאָגעניש צו באַקן מהודר'דיגע מצות, אָבער דאָסמאָל האָט דאָס בילד אויסגעקוקט עטוואָס אַנדערש, עפּעס הייליגער, ריינער, העכער.

אַ מחזה הוד איז געווען פאָריגן דאָנערשטאָג פּר' תזריע ביים אַריינקומען אין טאָשנאַדער מצה בעקעריי אין מאָנסי — אַ בעקעריי וואו עס באַקן בלויז חבורות — און זען די ערנסטקייט אויסגעגאָסן אויף די תלמידים פון מוסד הק' שערי חמלה, מיט'ן גאַנצן פלייס און ענערגיע, לויפן טראָגן און ברענגען, אַ זשומעדיגער מצה בעקעריי צוויי וואָכן פאַר פסח.

אייגנטליך האָט זיך די מחזה שוין אָנגעהויבן אַ וואָך פריער, ווען די תלמידים זענען אַריבער צום מצה בעקעריי דקהלתינו הק', וועלכעס געפינט זיך אין נאָנטן שכינות פונעם מוסד, און זיי האָבן דאָרט געקליבן ווייץ און עס צעמאָלן, מיט וואָס זיי וועלן שפּעטער באַקן די מצות.

דאָס איז שוין געקומען נאָך 2 וואָכן וואָס מ'האָט געלערנט און גע'חזר'ט מיט די תלמידים וויאַזוי עס גייט צו די גאַנצע אַרבעט פון מצות-באַקן. אינעם מוסד האָט מען גענומען שטיקער קלעי און זיך געלערנט דערויף וויאַזוי צו שניידן, וועלגערן, רעדלען, אַרויפלייגן אויפ'ן שטעקן, אא"וו. נאָך גרונטליכע פּראַקטיצירונגען זענען די תלמידים שוין געווען פולקאָם גרייט צו דער אַרבעט.

דאָנערשטאָג פאַרמיטאָג איז מען אָנגעקומען אין מצה בעקעריי. די תלמידים האָבן בדחילו ורחימו זיך אָנגעטון די פאַרטיכער און זיך גענומען צו די עבודה. די גאַנצע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די תלמידים מיט דער הילף און אויפזיכט פון די סקול אָנגעשטעלטע, פון גיסן די וואַסער, די מעל, שניידן די טייגלעך, וועלגערן, רעדלען, טראָגן די מצות פון איין פלאַץ צום צווייטן, אַלעס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די ערפאַרענע הענט פון די תלמידים.

זייענדיג דאָרט זענען אויך אָנגעקומען תלמידים פון אַן ענליכע ישיבה "אור ודעת", וועלכע האָט

(פאַרזעצונג אויף זייט 9)

## הנהלת מוסד הק' "שערי חמלה" אָפּגעשטאַט באַזוכן אין ענליכע מוסדות

**שטאַרקער פאָרשריט אין "וואָקעישאָנעל פּראָגראַם" - "שערי חמלה" תלמידים גייען אַרויס אַרבעטן אַליין, מיט געוואַלדיגע רעזולטאַטן**

דעם פאַרגאַנגענעם דינסטאָג פּר' פקודי האָבן די מנהלים פונעם מוסד הק' שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, אינאיינעם מיט אַלע קאָאָרדינעיטאָרס פון די מערערע אָפּטיילונגען אינעם מוסד, אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין אַ רייע אַנדערע מוסדות פון דעם סאָרט, כדי צוצוזען וויאַזוי די ווירטשאַפט פירט זיך דאָרט און וואָס מ'קען נאַשן פון יענעם גוטע געדאַנקען פאַר די הצלחה פון די הייליגע נשמה'לעך.

טראָץ וואָס דער ווירטשאַפט אינעם קרית יואל סקול דיסטריקט איז ב"ה שטאַרק באַרימט אַלס אַ גאָר אויסגעצייכנטע שולע אויפ'ן העכסטן פאַרנעם, סיי אין פּראָפעסיאָנאַליטעט, סיי אין איבערגעגעבנקייט, און אַזוי מיט יעדע זאַך וואָס קען בענעפיטירן די טייערע קינדערלעך שיחיו, אָבער דוקא דערפאַר האָט די הנהלה געזען פאַר וויכטיג איינצוהאַלטן פערזענליך דעם "איזהו חכם הלומד מכל אדם", און זען וואָס מ'קען נאָכמער פאַרבעסערן דעם סיסטעם אינערהאַלב די שולע לטובת די ליכטיגע קינדערלעך.

די הנהלה האָט באַזוכט אין די מוסדות פאר ספעציעלע קינדער אין באָראָ פּאַרק, וואו זיי זענען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס שעצונג. נאָכ'ן אַרומגיין איבעראַל און באַטראַכטן אַלע פּראָגראַמען האָט מען זיך אַדורכגערעדט מיט די הנהלות פון די אַנדערע מוסדות, און עס זענען געגנזייטיג אויסגעטוישט געוואָרן פאַרשידענע געדאַנקען און אויפטוען וואָס אונזער שולע קען נאַשן פון זיי און זייער שולע קען לערנען פון אונז.

איין אויפטו וואָס איז באַמערקט געוואָרן אין איין מוסד, איז געווען דער צוגאַנג צום "וואקעישאנעל" פּראָגראַם.

ווי ס'איז שוין געווען

(פאַרזעצונג אויף זייט 9)

## תלמידי מוסד הק' שערי חמלה גייען אַרויף צום ביה"ח ביים יאָרצייט פון אומפאַרגעסליכן מענעדזשער הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה

**זענען גלייכצייטיג מנחם אבל ביים איבערגעגעבענעם מחנך הר"ר חיים הערש ווייס הי"ו**

עס איז שווער צו גלייבן אַז היי יאָר איז שוין געווען די דריטע יאָרצייט זינט עס איז פריצייטיג אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונז האדם היקר באנשים, דער אַלעמען-באַליבטער הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה.

וויפיל תושבי קרית יואל קענען שווער פאַרגעסן וואָס ר' דוד לייב ע"ה האָט געמיינט פאַר קרית יואל און וויאַזוי ער האָט אַרויסגעהאָלפן אומצאָליגע מענטשן מיט זיינע מעשי צדקה וחסד, איז עס אָבער געווען אַ שטאַרק-פערזענליכער פאַרלוסט פאַר'ן מוסד הק' שערי חמלה, וואו ער האָט לאַנגע יאָרן געדינט אַלס געטרייער און איבערגעגעבענער מענעדזשער און כסדר געשטאַנען צוהילף מיט אַלעם נויטיגן, אַסאַך מער ווי בלויז געטון זיין אַרבעט.

ס'איז דעריבער געווען נישט מער ווי פּאַסיג אַז די תלמידים פונעם הייליגן מוסד — וואָס טייל פון זיי געדענקען נאָך וויפיל ער האָט זיך אַוועקגעגעבן מיט געטריישאַפט און ליבשאַפט פאַר זייערטוועגן — זאָלן אַרויפגיין צום בית החיים אָפּגעבן דעם ריכטיגן כבוד און זאָגן עטליכע קאַפּיטלעך תהלים לעילוי נשמתו, וואָס איז קלאָר אַז די ריינע תפילות פון די הייליגע נשמות זענען זיכער עושה רושם למעלה בגנזי מרומים.

גלייכצייטיג איז שוין אויסגענוצט געוואָרן די געלעגנהייט צו גיין מנחם אבל זיין דעם איבערגעגעבענעם לאַנגיאָריגן מחנך פון מוסד שערי חמלה, הר"ר חיים הערש ווייס הי"ו, אין וועם די תלמידים זענען שטאַרק צוגעבינדן און יעצט זענען זיי געקומען זיך משתתף זיין בצערו נאָך די פריצייטיגע פּטירה פון זיין חשוב'ע טאָכטער ע"ה.

תנצב"ה.

## ליכטיגע קינדערלעך פון מוסד הק' שערי חמלה לעבן מיט "קריעת ים סוף" מיט די אייגענע אויגן

די ליכטיגע קינדערלעך פונעם מוסד שערי חמלה קענען היי יאָר שטאָלצירן אַז זיי זענען די איינציגע קינדער אין קרית יואל וועלכע האָבן 'געזען' דעם ים זיך שפּאַלטן...

דאָס איז צו פאַרדאַנקען די געניטע אַרבעט וואָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן דורכ'ן געניטן שטאַב אינעם סקול, וואו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ לעבעדיגערביישפּיל צו ערקלערן פאַר די קינדער לויט זייער שטאַפּל וויאַזוי עס איז צוגעגאַנגען קריעת ים סוף.

יעדעס קינד איז געוואָרן אָנגעטון מיט אַ ספּעציעלן "טייג זעקל", וואו עס האָט זיך אָפּגעבאַקן די "מצות אשר אכלו אבותינו", און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט - "ומקלכם בידכם" - האָט מען אַריינמאַרשירט אין איינעם פון די קלאַסן.

אָבער, איין מינוט! וואָס איז דאָס?

אַ גרויסער פּראָוויזאָרישער וואַנט אויסגעצויגן איבער'ן גאַנצן לענג פונעם קלאַס, פאַרשטעלט דעם וועג. אויפ'ן וואַנט איז אויסגעצויגן אַ גרויסער געמאָלענער 'ים'. מ'קען נישט גיין ווייטער! אפשר גייט מען צוריק? נע, דאָרט שטייען די שרעקעדיגע מצריים! וואָס טוט מען דאָ?

נאָכ'ן שרייען צו השי"ת הייבט זיך אויף דער 'שטעקן' און דער 'ים' ווערט 'געשפּאָלטן'! דער וואַנט ווערט צועפּנט, און עס אַנטפּלעקט זיך אַ הערליכער וועג, אויסגעשניטן צווישן צוויי ווענט פון 'וואַסער'. די אידן מאַרשירן אַדורך פריילעכערהייט!

כדי צו מאַכן דעם נס נאָכמער לעבעדיג, איז אויף דעם וואַנט אויסגעהאָנגען בילדער פון פיש; עכטע בלעטער פון בשמים וועלכע געבן אַרויס אַ גוטן ריח פאַר די אידן; זיסוואַרג וואָס דער ים האָט געמאַכט אַרויסוואַקסן ספּעציעל פאַר די אידישע קינדערלעך; און נאָך פאַרשידענע צוגעהערן וועלכע מאַכן די קינדערלעך שיחיו שפּירן ווי זיי שטייען ממש ביים ים סוף.

די שירה וועט זיך היי יאָר זאָגן גאָר אַנדערש!

# "מרבין בשמחה" אין אַלע ווינקלען פונעם הייליגן מוסד שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, שפּירט זיך לענגאויס דעם גאַנצן חודש אדר

**ראש חודש טאַנץ - פּורים שפּילן - פריילעכע מאַרשן - "גאָלדמאַן'ס קאָנסטראָקשאָן" - "שמעלקי שפּיל" - די שמחה האָט זיך איבערגעגאָסן פון די גליקליכע פנימ'ער צום האַרץ פון אַלע צוקוקער**

געשפּרינגען אין איין ווינקל פון די געביידע, און די מיידלעך אין אַנדערן ווינקל.

דער פריילעכער "ראש חודש טאַנץ" האָט בלויז געדינט אַלס אַריינפיר. דער חודש פון "מרבין בשמחה" האָט איבערגעלאָזט אַ ספּעציעלן סטעמפּל אויף די פילע תלמידים און תלמידות אינעם הייליגן מוסד. די געטרייע סקול שטאַב האָט אַריינגעלייגט אומערמידליכע כוחות צו פאַרזיכערן אַז די שמחה פונעם גרויסן יום טוב און דער געהויבענער חודש בלייבט טיף איינגעקריצט אין די הייליגע נשמה'לעך.

ווי געזאָגט האָט דער חודש פון שמחה זיך אָנגעהויבן מיט אַ פריילעכן מאַרש אין די קאָרידאָרן פונעם מוסד, באַגלייט מיט לעבעדיגע מוזיק, אָבער דאָס איז געווען אַ 'קינדער שפּיל' אין פאַרגלייך צו וואָס עס האָט נאָך אָפּגעוואַרט די תלמידים פונעם מוסד הק' שערי חמלה.

וויבאַלד דער מוסד שערי חמלה איז, ווי באַקאַנט, איינגעטיילט אין מערערע אָפּטיילונגען, באַזירט לויט'ן עלטער און אַנטוויקלונג שטאַפּל פון די קינדערלעך שיחיו, האָט די שטאַב אַריינגעלייגט די מאַקסימאַלסטע כוחות אַז יעדעס איינציג קינד זאָל באַקומען די העכסטע מאָס שמחת יום טוב צוגעפּאַסט פאַר יעדן קינד לויט זיין/איר שטאַפּל.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט'ן "פריינטשאַפט פעסטיוואַל" וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך די היי-סקול מיידלעך. יעדע קלאַס האָט אַהערגעשטעלט אַ שיינעם שפּיל פון "פריינטשאַפט סצענעס", וואָס איז געווען גאָר נוצבאַר פאַר די קינדערלעך זיך צו לערנען די לעבנסוויכטיגע סאָציאַלע באַנעמונג מיט פריינט, און גלייכצייטיג האָבן די קינדערלעך אויסגעפירט זייער אַרבעט בשלימות, מיט שמייכלדיגע הערצער און גלאַנציגע אויגעלעך.

איין קלאַס פון די מיידלעך האָט אויפגעשטעלט אַ פאַלשע 'באָס', און זיי האָבן אויסגעשפּילט פאַרשידענע סצענעס פון "באָס זיכערהייט", פון סצענעס וואָס קענען זיך מאַכן יעדן טאָג ביים גיין אויפ'ן באָס, און פאַר די קינדערלעך שיחיו איז דער פריילעכער שפּיל גלייכצייטיג געווען אַ גאָר וויכטיגע לעקציע אין זיכערהייט וואָס וועט זיי באַגלייטן אויפ'ן ווייטערדיגן לעבן.

די עלעמענטערי קלאַסן האָבן זיך באַזונדער איינגעטיילט, ווען יעדע איינציגע קלאַס האָט אַדורכגעפירט איר אייגענעם "פּורים שפּיל", אויסגעשפּילט די גאַנצע מעשה פון די מגילה מיט אַלע קלאַפּערגעצייג. דער המן האָט זעלטן ווען געכאַפּט אַזאַ מפּלה ווי ווען די הייליגע צאן קדשים האָבן אים אַרויפגעצויגן אויף די תלי', איינמאָל און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...

אויך די פּיצעלעך האָט מען נישט אַרויסגעלאָזט פון שפּיל. די קליינע פּרי-סקול קינדער האָבן פאַר זיך אָפּגעהאַלטן אַן אייגענעם "שמייכל שפּיל". אַלע קינדערלעך זענען געווען אָנגעטון אין זיסע 'שמייכל' אַנצוגן, וואָס האָט גלייכצייטיג אויך געדינט אַן אַלגעמיינעם צוועק אַריינצופּרעגלען אין זיי פון פּיצלווייז אָן די S.M.I.L.E. אונטערנעמונג פונעם סקול (מער דערוועגן אין אַן אַנדערע געלעגנהייט).

אַ זעלטן-ערהאַבענע סצענע איז געווען מיטצוהאַלטן דעם שפּיל פון די היי-סקול אינגלעך. פילע עלטערן זענען אָנוועזנד געווען צו זען פונדערנאָנט די עבודת הקודש וואָס ווערט דורכגעפירט מיט זייערע טייערע קינדערלעך. די ערשטוינונג צו זען ווי פּראָפעסיאָנאַל און געלערנט די קינדער האָבן געשפּילט זייערע ראָלעס, האָט פאַרכאַפּט דעם זאַל אין אַ אָטעם-פאַרכאַפּנדע שטילקייט, וואָס האָט געקלינגען העכער ווי די זיסע קעלעכלעך פון די שפּילער אויף די פּלאַטפאָרמע.

גאָר ספּעציעל איז געווען מיטצוהאַלטן די סצענע פון "גאָלדמאַן'ס קאָנסטראָקשאָן" — אַ באַזונדערע אונטערנעמונג וואָס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך די חשוב'ע מרת. פלאהר תחי' (אשת ר' שמעון) און איז אויסגעארבעט געוואָרן מיט הארץ און נשמה פאַר די קינדערלעך פון מרס. גאָלדמאַן'ס קלאַס. די טייערע קינדערלעך זענען פיזיש באַגרעניצט און נישט ביכולת אַליין אָפּצוערכטן אַ שפּיל, און פאַר זיי איז אויפגעבויט געוואָרן אַ גאַנצער "קאָנסטראָקשאָן סייט", פולקאָם מיט קליינע 'טראַקטאָרס'; אַלע קינדער האָבן געהאַט אָנגעטון די ספּעציעלע "האַרטע הוטן" וואָס בוי-אַרבעטער נוצן אין אַזוינע סאָרט פלעצער, און אַזוי ווייטער אַלע אַנדערע 'צוגעהערן'.

עס איז געווען גאָר רירנד צו זען וויאַזוי די רעדער-בענקלעך (ווילטשעירס) זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין 'טראַקטאָרס', און וויאַזוי די קינדערלעך זענען זיך מחי' מיט יעדער מינוט אין זייער אייגענעם 'בוי-פּראָיעקט'. די גאַנצע סקול איז געברענגט געוואָרן צו באַטראַכטן און מיטהאַלטן פונדערנאָנט וויאַזוי די אַרבעט גייט צו ביי "גאָלדמאַן'ס קאָנסטראָקשאָן" — און בנאמנות, יעדעס קינד וואָלט גערן 'געאַרבעט' דאָרט...

אויסער די פריילעכע אַרבעט און האָרעוואַניע פון די קינדערלעך זעלבסט, האָט דער סקול אַראָפּגעברענגט אַ טאַלאַנטפולן שפּילער אונטער'ן נאָמען "שמעלקי שפּיל", וועלכער האָט אויסגעשפּילט פאַר די קינדערלעך העכסט אינטערעסאַנטע און לעבעדיגע סצענעס פון מדות טובות און מעשים טובים, וואָס איז געווען אַ העכסט אינטערעסאַנטע און גאָר לערנבאַרע ערפאַרונג פאַר די ריינע נשמה'לעך.

### פריילעכע "בר מצוה" אין חודש אדר

אינמיטן חודש איז אויך אויסגעקומען פאַר די געטרייע הנהלה פונעם מוסד צו פּראַוועןן די "בר מצוה" פון אַ קינד אינעם מוסד. די הערליכע שמחה איז צוגעשטעלט געוואָרן אין די סקול'ס עס-זאַל וואָס איז געוואָרן הערליך דעקאָרירט.

צו די בר מצוה זענען געלאַדנט געוואָרן דער גאַנצער שטאַב פון מוסד שערי חמלה שע"י קרית יואל סקול דיסטריקט, ווי אויך די נאָנטע חברים פונעם בר מצוה בחור, וועלכע זענען געקומען מיטהאַלטן די שמחה ווי זייערס אַ נאָנטער חבר גייט אַדורך דעם וויכטיגן שטאַפּל אין לעבן.

נאָכ'ן בענטשן, מיט וואָס דער חשוב'ער מחנך הר"ר יחזקאל האָניג הי"ו איז מכובד געוואָרן, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פייערליכן טאַנץ לכבוד די שמחה, און אָפּגעגעבן אַ שבח והודי' פאַר השי"ת אַז מ'האָט די זכי' אָפּצוערכטן פאַר די טייערע נשמה אַ אידישע שמחה מיט אַלע פּיטשיווקעס, עד הנה עזרונו רחמיך וכו' ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח.

# הערליכער בילד ווען בחורי חמד פון מוסד הק' שערי חמלה באַקן מצות אויף געהויבענעם פאַרנעם

**געקליבן ווייץ און געמאָלן מעל אין מצה בעקעריי דקהלתינו הק' - געבאַקן מצות אַלס אַ חבורה אין "טאָשנאַדער מצה בעקעריי" אין מאָנסי**

אַריבערגעברענגט זייערע תלמידים אַז זיי זאָלן אויך קענען אַריינכאַפּן צו האָבן דעם געוואַלדיגן געשמאַק פון אַליינס מיטלעבן וויאַזוי מ'באַקט מצות, און אויף זייער בקשה האָט מען זיי אויך אַריינגענומען אין זייער אַרבעט, געבנדיג אויפ'ן פּלאַץ די נויטיגע טרענירונג צו קענען אַנטיילנעמען אין דער הייליגער עבודה.

נאָך דער געהויבענער ערפאַרונג וואָס די בחורים האָבן מיטגעלעבט, האָט מען געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה וואו מ'האָט טועם געווען פון די פיינע פרישע מצות, און פון דאָרט זיך געגאַנגען ווייטער גרייטן צום גרויסן יו"ט פסח, וואָס וועט היי יאָר האָבן אַ גאָר אַנדערן באַדייט אין די שטיבער פון די תלמידים וועלכע האָבן אַליינס בייגעוואוינט די שווערע אַרבעט פון מצות באַקן.

# הנהלת מוסד הק' "שערי חמלה" אָפּגעשטאַט באַזוכן אין ענליכע מוסדות

**שטאַרקער פאָרשריט אין "וואָקעישאָנעל פּראָגראַם" - "שערי חמלה" תלמידים גייען אַרויס אַרבעטן אַליין, מיט געוואַלדיגע רעזולטאַטן**

אַרויסגעברענגט אויף די שפּאַלטן פון "הקריה", איז איינס פון די הויפּט צילן פונעם סקול אויפצובויען די קינדער אַז זיי זאָלן עווענטועל קענען אַרויסגיין אויף די גרויסע גאַס און זיין אַ מענטש צווישן מענטשן. דאָס ווערט אָנגערופן אין פּעדאַגאגישן לעקסיקאַן "וואָקעישאָנעל פּראָגראַם", און איז פון די סאַמע וויכטיגסטע צילן אויף וואָס מ'אַרבעט יאָרן לאַנג אַרויפצוברענגען יעדעס קינד לויט זיין דרגא.

צווישן אַנדערן ווערן פאַרלייגט גרויסע כוחות אויסצולערנען די קינדער אָנצוהאַלטן אַ דזשאַב, וואָס נעמט אַריין אין זיך דאָס עצם קענען האַלטן אַ פליכט; זיין צייטליך; פיזיש טון די אַרבעט; פאַרשטיין די באַציאונג צווישן אַרבעטסגעבער און אַרבעטער; און נאָך פילע נקודות וואָס ביי געוויינליכע מענטשן קומט עס נאַטורליך, און מיט די טייערע קינדער לייגט מען אַריין גרויסע כוחות ביז מ'קען דאָס ערייכן בע"ה.

דאָס איז אַלעס איז גוט באַקאַנט אין די קאָרידאָרן פונעם סקול. דער חידוש פון יענעם מוסד איז אָבער דערמיט וואָס זיי שיקן נישט אַרויס די קינדער אַרבעט אין גרופּעס, וואו זיי זענען אין אַ רעלאַטיוו-באַקאַנטע ענווייראָמענט מיט היימישע פנימ'ער, נאָר מ'שיקט זיי אַרויס אַרבעטן אין אַ דזשאַב אַליינס, ווי יעדער אַנדערער יונגערמאַן אָדער בחור וואָס גייט אַרבעטן.

פאַר די געטרייע סקול באַאַמטע איז דער געדאַנק געפאָלן, און אומר ועושה, ווי נאָר מ'איז צוריקגעקומען פון דאָרט האָט מען זאָפאָרט אָנגעהויבן אַרבעטן צו טרעפן אַ פּאַסיגן אָרט וואו די בחורים פון מוסד שערי חמלה זאָלן קענען אָנהייבן אַרבעטן אַ געהעריגן דזשאַב, אַליין.

אין די לעצטע עטליכע וואָכן האָט מען שוין באַוויזן צו פּלאַצירן צוויי בחורים צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק אין קאָרנוואָל; איין בחור איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ זשאב אין "יאָסי'ס פּיצאַ" אויף עיקערס ראָוד, און די גריסן זענען ב"ה געוואַלדיג.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַרויסשיקן אַ קינד אַרבעטן אַליין איז אַ פּראָצעדור. צוערשט גייען זיי אַדורך טרענירונג ביים סאָשעל וואָרקער הר"ר ישראל גאָלדבערג הי"ו, וועלכער לערנט זיי אויס פאַרשידענע קאַרדינאַלע פונקטן, וואָס מיינט אַ בעל הבית, אַן אַרבעטער, אא"וו.

נאָך ר' ישראל'ס באַשטעטיגונג, איז דער געטרייער קאָאָרדינעיטאָר ר' יצחק גרינפעלד הי"ו אַריבערגעגאַנגען מיט דעם בחור אין זיין נייע אַרבעטס פּלאַץ כדי אים העלפן זיך דאָרט היימיש צו מאַכן. ר' יצחק איז געזעצן דאָרט מערערע שעה'ן אין די ערשטע וואָך, צו באַאָבאַכטן אַז אַלעס פּאָרט כשורה און ס'מאַכט זיך נישט קיין פּראָבלעמען.

און תלי"ת אַז עס גייט שוין אָן אַזוי עטליכע וואָכן מיט'ן גאַנצן פלייס, און סיי די אַרבעטסגעבער און סיי די אַרבעטער דריקן אויס שטאַרקע צופרידנהייט פון די הילף וואָסביידע זייטן געניסן, בגשמיות וברוחניות

# וויכטיגקייט פון איבריגע סעלפאָן באַטאַריע ביי לענגערע רייזעס

שטייענדיג אין די חול המועד טעג, ווען אַ גרויסער עולם פאָרט אַוועק אויף לענגערע רייזעס, טוט די פּובליק סעיפטי דערמאַנען עטליכע פּונקטן וואָס זענען גאָר וויכטיג אַריינצונעמען אין קאָפּ און געדענקען, זיך צו שפּאָרן פּאָטענציעלע קאָפּ-ווייטאָג און עגמת נפש, וואָס אינ'אמת'ן זענען די אָנווייזונגען אויך וויכטיג אַגאַנץ יאָר ביי ענליכע געלעגנהייטן.

דאָס איז דער ענין פון סעלפאָנס, וואָס איז היינט צוטאָגס געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון קאָמיוניקאַציע און עס טוט באַזונדער צונוצקומען ווען מען בלייבט ערגעצוואו שטעקן און מען דאַרף צוקומען צו הילף אָדער דירעקציעס. יעדער האָט דאָס פּילייכט שוין געהאַט אַמאָל אַז מען האָט געבלאָנדזשעט אָדער דער קאַר האָט עפּעס אָנגעהויבן מאַכן פּראָבלעמען, און מיט'ן סעלפאָן האָט מען געקענט רופן פאַר הילף און זיך אַרויסזען פון דער סיטואַציע.

עס האָבן זיך אָבער שוין געמאַכט אַסאַך פעלער וואָס מענטשן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג און האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען אינמיטן די שפּעטע נאַכט-שטונדן, אויף ליידיגע שאָסייען, וואו מ'טרעפט זעלטן עמיצן אַריבערפאָרן, אַז מ'זאָל קענען עמיצן אָפּשטעלן פאַר הילף, און דער סעלפאָן איז אויך נישט געווען אַ הילף, ווייל עס איז געווען אויסגעלאָפן פון באַטערי. ווי פּובליק סעיפטי גיבט איבער, האָבן זיי שוין געהאַט אַסאַך אַזעלכע פעלער, באַזונדער אין אַזעלכע טעג ווי חול המועד, ווען פאַמיליעס מיט פּיצלעך קינדער זענען געבליבן שטעקן ערגעצוואו אין אַ פאַרשטופּטע שאָסיי, הונגעריג, מיד און קאַלט, און האָבן נישט געקענט רופן פאַר הילף.

דעריבער איז זייער וויכטיג צו געדענקען בעפאָר מען לאָזט זיך אַרויס אויף אַ רייזע, זאָל מען צוערשט זיכער מאַכן אַז אַלע סעלפאָנס זענען געהעריג געטשאַרדזשט, און אויך זאָל מען מיטנעמען אַ באַזונדערע באַטערי אין פאַל די ערשטע לויפט אויס. די וועלכע פאַרמאָגן די סאָרט סעלפאָנס וואָס מען קען נישט טוישן באַטערי, זאָלן זיכער מאַכן אַז מען טראָגט מיט זיך כאָטש אַ איבריגן סעלפאָון אין פאַל פון אַן עמורדזשענסי.

ה' ישמר צאתנו ובואנו.

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
**סיי ווען, סיי וואו,**
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
**845-782-5376**

# העפטיגע צוגרייטונגען אַהערצושטעלן פּראַכטפולע מקוה אין בית המדרש "ברך משה", אין פולן שוואונג

## שפּאָגל-נייע סטאָרעדזש געביידע פאַר "פּאַלם גאַרדנס מענענזשמענט", ווערט אויפגעבויעט אויף אַנדערע שטח צו מאַכן פּלאַץ פאַר נייע מקוה

(פארזעצונג פון זייט 3)

אויף די "שטאָטישע" הייזער אויף ד.א. ווידער קאָורט, זאָל זיך מוזן אַרויסציען און העפטיגע אַרבייט איז אָנגעגאַנגען צו טרעפן אַ פּאַסיגן פּלאַץ אַריבערצופירן דעם סטאָרעדזש און מענעזשמענט, צו מאַכן פּלאַץ פאַר דער מקוה און הרחבת גבולי הקדושה.

מיט אַ צייט צוריק האָט די הנהלת הקריה אויסגעאַרבייט און געשאַפן די נויטיגע פאָנדן אויפצובויען אַ שפּאָגל-נייעם בנין וואָס זאָל דינען פאַר די "פּאַלם גאַרדנס מענעזשמענט". דער בנין ווערט אויפגעשטעלט אויפ'ן ליידיגן שטח וואָס געפונט זיך אויף ד.א. ווידער קאָורט, אינמיטן דעם גרויסן באַרג וואו עס לויפן די שטיגען אַרויף צו קאָזניץ ראָוד.

נאָכדעם וואָס די ענדגילטיגע פּלענער זענען באַשטעטיגט געוואָרן, האָט מען ענדליך צוגעטרעטן צו די פאַקטישע בוי-אַרבייט. ווי נאָר דער בנין וועט זיין גרייט, וועט דער סטאָרעדזש זיך אַריבערציען צו די נייע געביידע און דאָס וועט ערמעגליכן אַז מ'זאָל בעזהשי"ת קענען אָנהייבן מיט די בוי-אַרבייט אויף די מקוה און הרחבת גבולי הבית המדרש.

הרחיבי מקום אהלך




פונדאמענט פאר נייעם סטארעדזש געביידע פאר "פאלם גארדנס מענעזשמענט" ווערט געלייגט אויף ד.א. ווידער קאורט צו מאכן פלאץ פאר א פראכטפולען מקוה אין ביהמ"ד ברך משה

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט-

לתועלת הרבים!

היות אין די טעג פון חוה"מ פארט א גרויסער ציבור אויף פארשידענע ערטער, ווילן מיר מודיע זיין פאר'ן ציבור אז עס איז פאראן א ספעציעלע נומער וואו איר קענט אריינרופן איבערקוקן צו אייער לייסענס איז אין ארדענונג

די נומער איז:

**518-474-0841**

מען קען רופן דעם נומער פון מאנטאג ביז פרייטאג פון 8:00 אינדערפרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

עס איז וויכטיג צו וויסן! עס מאכט זיך אפט אז מען האט פראבלעמען מיט די לייסענס און מען ווייסט נישט דערפון;

זייט געווארענט! דרייוון מיט סוספענדירטע לייסענס איז אומלעגאל, די פאליציי קען ארעסטירן דערפאר און אוועקנעמען דעם קאר

די קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

# סטעיט סופרים קאָורט ריכטערין שלײדערט אַרויס זינלאָזע קלאַגעס קעגן היסטאָרישן "פּייפּלײן" פּראָיעקט

(פאַרזעצונג פון זייט 1)

דורך אַ פאַרבאַנד פון די שכינות'דיגע מוניציפּאַליטעטן וועלכע האָבן פאַרלאַנגט אַז דער געריכט זאָל אָפּשטעלן די אַרבייט, באַזירט אויף זינלאָזע טענות און נייערפינדענע העצערייען, האָפנדיג אַז דער ריכטער זאָל דאָסמאָל נאָכקומען זייערע אַנשויאונגען און יאָ אָפּשטעלן דעם פּראָיעקט.

עס מוז באַטאָנט ווערן אַז די קלאַגע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן נאָכדעם וואָס קרית יואל האָט שוין געשליכטעט די פריערדיגע קלאַגעס און אַקעגנגעקומען די קאַונטי רעגירונג מיט פאַרשידענע ענווייראָמענטאַלע שטודיעס און נאָך יאָרן פון שווערע האָרעוואַניע נאָכצוקומען אַלע פאַרלאַנגען פון די וועלכע האָבן פּאַרפירט אַקעגן דעם פּייפּליין, און נאָר נאָכדעם וואָס קרית יואל האָט ערהאַלטן די פולע גוטהייסונג און צושטימונג פון אַלע רעגירונגס אָפּטיילונגען וואָס נעמט אַריין: ניו יאָרק סטעיט טראַנספּאָרטאַציע מיניסטעריום; די סטעיט העלטה דעפּארטמענט, די סטעיט ענווייראָמענטאַלע אַגענטור, באַקאַנט אַלס "די.אי.סי."; די אָראַנדזש קאַונטי הייוועי דעפּאַרטמענט; און די קאַונטי פּאָבליק וואָרקס אָפּטיילונג, נאָר דעמאָלט — גענוי אַ יאָר צוריק אינעם היסטאָרישן טאָג פאַר קרית יואל, ד' ניסן תשע"ג - האָט מען זיך ענדליך גענומען צו די אַרבייט אָנצוהייבן אַריינצוציען די ריזיגע רערן אונטערערדיש איבער די דרייצן-מייל לענג, אָנגעהויבן פון קרית יואל, וואָס וועט עווענטועל גרייכן ביז צום ניו יאָרק סיטי וואַסער עקוועדאָקט אין ניו ווינדסאָר.

ווען די אומפאַרגינער האָבן זיך באַגעגנט מיטן פאַקט אַז דער פּייפּליין ווערט אַ רעאַליטעט און פאָרנט פון זייערע אויגן ווערן שוין פאַקטיש אַראָפּגעברענגט די ריזיגע מאַשינעריע און ברייטע רערן, זענען זיי געלאָפן אין געריכט און אָפּירגעקראַצט נייע טענות. די טענות זענען געווען פירפאַכיג: 1) אַז קרית יואל האָט לויט זיי געטוישט פון געפּלאַנטע 18-אינטשיגע פּייפּס צו גרעסערע פּייפּס פון 24 אינטשעס דיק; 2) אַז קרית יואל האָט געטוישט די פּלענער אויפצושטעלן אַ "פּאָמפּ סטעישאָן" אין מאָונטענוויל, אַנשטאָט פריערדיגע פּלענער פון אַ "פּאָמפּ סטעישאָן" אין ניו ווינדסאָר נעבן דעם עקוועדאָקט; 3) אַז דאָס אַקטיוויזירן און נוצן די שפּרידלענדע מאַונטענוויל וואַסער-קוועלער באַדראָעט דעם וואַסער-סופּליי פאַר די אַרומיגע טאַונס; און 4) אַז ווילאַנג קרית יואל פאַרמאָגט נאָכנישט דעם פּערמיט פון דער "די.אי.סי." זיך צו באַנוצן מיט די מאַונטענוויל קוועלער, זאָל קיין שום חלק פונעם עצם פּייפּליין אַרבייט נאָכנישט ווערן ערלויבט.

ביים אַריינטראָגן די קלאַגע האָבן די אָנקלעגער, וואָס האָט אַריינגענומען: טאַון אָוו וואודבורי, ווילעדזש אָוו וואודבורי און ווילעדזש אָוו הערימאַן, אויך פאַרלאַנגט, וואָס ווערט גערופן "אַ טעמפּאָרערי אינדזשאָנקשאָן", וואָס באַדייט אַז קודם זאָל דער געריכט צייטווייליג אָפּשטעלן די אַרבייט, ביז ווילאַנג די געריכטליכע פּראָצעדורן גייען אָן — אַ פאַרלאַנג וואָס ריכטער ניקאָליי פונעם סופּרים קאָורט האָט באַלד אַרויסגעוואָרפן און געגעבן רשות אַז דערווייל זאָל די אַרבייט קענען אָנגיין אומגעשטערט.

אינצווישן האָט קרית יואל צוגעגרייט די פאַרטיידיגונגס פּאַפּירן, פאַרלאַנגענדיג אַז דער געריכט זאָל זיך נישט קימערן פון די פרישע פלייץ פון קלאַגעס, אויפווייזנדיג פאַר'ן געריכט אַז די אַלע פריש-אַפּירגעקומענע טענות זענען אומבאַגרינדעט און דאָס אַלעס האָבן די אַדוואָקאַטן אונטערגעשטיצט מיט דאָקומענטן, צייגנדיג אַז גאָרנישט פון די פּלענער זענען אַרומגעטוישט געוואָרן און אַז די אַלע מוניציפּאַליטעטן האָבן שוין מיט עלף חדשים פריער ערהאַלטן די פונקטליכע און ענדגילטיגע פּלענער פאַר'ן פּראָיעקט ביי מערערע געלעגנהייטן, וואָס האָט אַריינגענומען סיי דאָס אַז די רערן וועלן אויסדרוקליך זיין פון די גרעסערע 24 אינטשעס סאָרט, און ווי אויך איבער דעם "פּאָמפּ סטעישאָן" וואָס וועט געבויעט ווערט אין מאַונטענוויל.

אַזוי אויך האָט קרית יואל אָפּגעוואָנדן די אַנדערע טענות, און מיט האָפענונג צום באַשעפער האָט מען געוואָרט צו זען דעם אויסגאַנג פונעם געריכט. כאָטש טעכניש האָט דאָס נישט אָפּגעשטעלט די אַרבייט דורכאויס דעם פאַרגאַנגענעם זומער, האָט מען אָבער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נאָר אַ הצלה פורתא און אַ צייטווייליגער טרייסט, ווייסנדיג אַז מ'ברויך נאָך רחמי שמים מיט אַ פּערמענאַנטן פּסק פונעם געריכט.

ווי געזאָגט, איז די פריילעכע נייעס אַריינגעקומען ממש געציילטע טעג פאַר כלל ישראל האָט זיך געגרייט צו פּראַווען דעם זמן חרותינו, ווען פאַרגאַנגענעם דינסטאָג פּר' אחרי, יום ג' שנכפל בו כי טוב, איז אָנגעקומען דעם אורטייל, אונטערגעשריבן פונעם סופּרים קאָורט ריכטערין לעפקאָוויטץ, וועלכער זיצט אינעם סטעיט סופּרים קאָורט אָפּטיילונג אין ווייט-פּלעינס, ניו יאָרק, וואו די ריכטערין וואַרפט גענצליך אַרויס די אַלע טענות פון די פּייפּליין קעגנער, אַלס האַפּטלאָז און אומבאַגרינדעט. ווי די ריכטערין פירט אויס נאָך אַ לענגערע דעטאַלן מסביר צו זיין דעם פּסק וואָס ציעט זיך איבער צוואָנציג זייטן, שרייבט די ריכטערין: "דעריבער ווערט פאַראָרדענט און באַשטעטיגט אַז דער פאַרלאַנג פון די פאַרטיידיגטע אַרויסצואוואַרפן די קלאַגעס ווערט נאָכגעגעבן און אַלע קלאַגעס און טענות קעגן די אָנגעקלאָגטע ווערן אַרויסגעוואָרפן, און גלייכצייטיג ווערט דער פאַרלאַנג פון די אָנקלעגער אָפּצושטעלן די אַרבייט אַנטזאָגט!" — אונטערגעשריבן "זשאען ב. לעפקאָוויטץ".

תושבי קרית יואל אָטעמען אָפּ פריי אַז די אַלע העצערייען האָבן ברוך השם נישט געהאַט קיין השפעה, און צו דער זעלבער צייט איז מען מתפלל "עד הנה עזרונו רחמיך, ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח." דער פּראָיעקט און אַנדערע וויכטיגע פּראָיעקטן פאַר'ן ווייטערדיגען בליה און וואוקס פון דער הייליגער שטאָט זענען אָנגעוויזן אויף אַסאַך סייעתא דשמיא יעדן איינציגן טאָג. זאָל טאַקע השי"ת העלפן אַז מ'זאָל בקרוב קענען זען דעם לאַנג-ערוואַרטעטן פּראָיעקט קומען לידי גמר, און קרית יואל זאָל ווייטער קענען האָבן די מעגליכקייט ווייטער צו וואַקסן און בליען לשם ולתפארת.

*

## לעצטע דעטאַלן פון צווייטער פּייפּלײן-בוי-סעזאָן, אויסגעשמועסט ביי פאַראייניגטע זיצונג

אין די קאָרידאָרן פונעם ווילעדזש רישט מען זיך אָט אָט אַריינצוטרעטן אינעם צווייטן בוי-סעזאָן פון דעם פּייפּליין פּראָיעקט, ווען באַלד נאָך יום טוב אי"ה וועט מען בעזהשי"ת ווידער באַנייען די בוי-אַרבייט צו פאַרענדיגן די ערשטע פאַזע פונעם פּראָיעקט, וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן פאַריאָר אין די צייט, און ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע פּראָיעקטן, איז די אַרבייט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורכאויס די ווינטער-חדשים.

אין בעפאַרברייטונג צו די אַקטועלע בוי-אַרבייט וואָס איז ערוואַרטעט פאַר'ן בעפאַרשטייענדן סעזאָן, האָט דער ווילעדזש אַראַנזשירט אַ פאַראייניגטע זיצונג אינעם ווילעדזש אָפיס אויף היינטיגן מיטוואָך פרשת אחרי, בעת מיר גייען צום דרוק. ביי דער זיצונג זענען געווען געלאַדנט פאָרשטייער פון די סטעיט און קאַונטי רעגירונגס אָפיסעס וועלכע זענען פאַרמישט אין די אַרבייט, הויפּטזעכליך די ניו יאָרק סטעיט טראַנספּאָרטאַציע אָפּטיילונג, מער באַקאַנט אַלס די "די. אָו. טי.", און אַזוי אויך די קאַונטי הייוועי דעפּאַרטמענט, אונטער וועמענ'ס אחריות די ראָודס וואו די אַרבייט וועט פאָרזעצן, געפונען זיך.

די רעגירונגס פאָרשטייער האָבן געהערט רעפּעראַטן און דעטאַלירטע פּלענער, באַגלייט מיט מאַפּעס און אילוסטראַציעס, פון מיטגלידער פון די "טאמקא" קאָנסטראָקשאָן פירמע וועלכע פירט אָן מיט די אַרבייט, און אַזוי אויך פון די אינדזשענירן פון די "סי. די. עם" פירמע וואָס טוט אויסשטעלן די פּלענער און שרייבט פאָר דעם גענויען אַרבייטס-פּלאַן. לויט ווי דער ווילעדזש גיט איבער איז די זיצונג אַריבער מיט אַ שטאַרקן סוקסעס ווען די רעגירונגס איינגעשטעלטע זענען געווען שטאַרק באַגייסטערט פון די פּראָפעסיאָנאַלע, מייסטערהאַפטיגע פּלענער און גענויע דעטאַלן, און דערמיט האָפט מען איז דער בוי-סעזאָן אָפיציעל אַריין אין קראַפט.

ווי דערמאַנט טוען די פּלענער לויט'ן, אַז דורכאויס די קומענדיגע חדשים זאָל ווייטער געצויגן ווערן די רערן, צו פאַרענדיגן דעם גאַנצן וועג פון די ביילייפיג פיר מייל וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביז צו די מאַונטענוויל וואַסער קוועלער. אין דער זעלבער צייט וועט די אַרבייט פאָרזעצן ביי אַנדערע פּונקטן פונעם פּייפּליין צו פאַרענדיגן די גאַנצע ערשטע פאַזע פונעם פּראָיעקט.

*

## עפנטליכע "פּאָבליק הירינג" אין קאָרנוואָל איבער מאַונטענוויל קוועלער, באַשטימט אויף קומענדיגן דינסטאָג אמור

אַ באַדייטנדע ראָלע אין די ערשטע פאַזע פונעם פּייפּליין פּראָיעקט שפּילן די "מאַונטענוויל וואַסער קוועלער", דאָס זענען די גאָר געבענטשע וואַסער-קוועלער וועלכע זענען געפונען געוואָרן אינעם מאַונטענוויל געגנט, האַרט נעבן ווי דער פּייפּליין וועט דורכלויפן אויפ'ן וועג צום ניו יאָרק סיטי עקוועדאָקט. דער באָדן וואו די קוועלער זענען געפונען געוואָרן איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך קרית יואל, מיטן ציל אויפצואַרבייטן די קוועלער פאַר אַ צוויפאַכיגן באַנוץ. דאָס ערשטע איז צו קענען געניסן פון די שפּרידלענדע וואַסער סופּליי אויף ביז ווילאַנג דער פּייפּליין וועט בעזהשי"ת זיין פולקאָם פאַרענדיגט, און אויך וועלן די קוועלער עווענטועל דינען אַלס רעזערוו און "בעק-אָפּ" פאַר'ן פּייפּליין, ווען דער עקוועדאָקט וועט זיין אָפּגעשפּאַרט פאַר רוטינע מעינטענענס, אד"ג.

אַזויווי דער פּראָצעדור ביי יעדן קוואַל, אַז מ'ברויך ערהאַלטן די באַשטעטיגונג פון דער "די.אי.סי." אונטער אַ ספּעציעלן פּערמיט מיט אַ פּונקטליכע צאָל פון וויפיל וואַסער עס ווערט ערלויבט אַרויסצושעפּן טעגליך פון די קוועלער, האָט דער ווילידזש אַריינגעגעבן די נויטיגע פּאַפּירן מיט אינפאָרמאַציע צו די "די.אי.סי." מיט דער האָפנונג אַז ווען דער פּייפּליין וועט האַלטן ביי יענעם פּונקט, זאָל מען שוין קענען באַהעפטן די קוועלער צום פּייפּליין.

געוויינליך טוט די "די.אי.סי." איבערקוקן די אַפּליקאַציע און שטאַטן אָפּ אַ באַזוך אויפ'ן סייט, און דערנאָך באַשליסן זיי איבער אַ פּערמיט. ביי דעם פאַל האָט די "די.אי.סי." באַשלאָסן צו גיין מיט אַ טריט ווייטער, און צו באַפרידיגן די שכנים און מוניציפּאַליטעטן וואָס זענען באַזאָרגט איבער די קוועלער באַנוץ, האָט זי באַשטימט אַ "פּאָבליק הירינג" וואו זיי וועלן אויפנעמען קאָמענטאַרן און אויסהערן וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן בנוגע די קוועלער.

דער הירינג איז באַשטימט אויף קומענדיגן דינסטאָג פּר' אמור, ולמס' אַפּריל 29, וואו אַן אָפיציעלער "אַדמיניסטראַטיווער ריכטער" פון די "די.אי.סי." וועט אַנוועזנד זיין, אין דער קאָרנוואָל צענטראַלער שולע געביידע. עס זענען פאַרעפנטליכט געוואָרן פּאָבליק נאָטיצן איבער'ן הירינג אין די לאָקאַלע צייטונגען, און די וואָס ווילן קאָמענטירן ווערן פאַרלאַנגט זיך איינצושרייבן פון פאָראויס אָדער אַריינשיקן זייערע קאָמענטאַרן שריפטליך, און עס וועט דאָרט ווערן אויפגעליינט.

נאָך דעם "פּאָבליק הירינג" וועט די "די.אי.סי." פאַסן זייער באַשלוס איבער די קוועלער. עס איז צו האָפן אַז עס וועט זיין לטובת קרית יואל און די קוועלער וועלן בקרוב קענען אַריינקומען אין דינסט לטובת תושבי העיר.

אמת המים עוברת תחתיך

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE
ENVIRONMENTAL CLAIMS PART
-----------------------------------------------------------------x
Application of

TOWN OF WOODBURY, VILLAGE OF WOODBURY, and VILLAGE OF HARRIMAN,

Petitioners, Index No. 2877-2013

For a judgment pursuant to CPLR Articles 30 and 78 DECISION, ORDER & JUDGMENT

-against-

VILLAGE OF KIRYAS JOEL,

Respondent.
-----------------------------------------------------------------x
LEFKOWITZ, J.

ORANGE COUNTY CLERK'S OFFICE
APR 07 2014
ORIGINAL FILED

The following papers numbered 1 though 128 were read on the motion by petitioners, Town of Woodbury, Village of Woodbury, and Village of Harriman (collectively, "petitioners") for an Order pursuant to CPLR 6301 enjoining the construction of a water pipeline along Orange County Route 44 or New York State Route 32 and the motion by respondent, Village of Kiryas Joel ("Kiryas Joel"), for an Order pursuant to CPLR 7804(f) and CPLR 3211(a)(1), (3), (5), (7) dismissing the amended verified petition and complaint (the "amended petition"):

Accordingly, it is

ORDERED and ADJUDGED that the motion by respondent to dismiss the amended verified petition and complaint is granted, and the amended verified petition and complaint is dismissed; and it is further

ORDERED and ADJUDGED that the motion by petitioners for an injunction is denied as moot.

The foregoing constitutes the Decision, Order and Judgment of this Court.

Dated: White Plains, New York
April 7, 2014

HON. JOAN B. LEFKOWITZ, J.S.C.

To:

James Bacon, Esq.
Attorney for Petitioners
P.O. Box 575
New Paltz, New York 12561

Whiteman Osterman & Hanna LLP
Attorneys for Respondent
One Commerce Plaza
Albany, New York 12260

פּסק פון סופרים קאָורט ריכטערין שלײדערט אַרויס וואודבורי און הערימאַן קלאַגעס אַקעגן די "וואַסער פּייפּלײן"

אַנעקסעישאָן פאָרשריט:

# נ.י. סטעיט "די.אי.סי." וואַרפט אָפּ פארלאנג פון מאָנראָ-וואודבורי סקול דיסטריקט צו דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי" אין אַנעקסעישאָן פּראָצעדור

## אין באַזונדערע בריוו פאַר סטעיט-אסעמבלימאן סקאופיס און אַנדערע ערוויילטע פירער אַנטזאָגט זיך "די.אי.סי." אויך פון זעלבסט דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי" - באַשלוס פון "די. אי. סי." צווישן קרית יואל און טאַון אָוו מאָנראָ ווערט ערוואַרטעט אין נאָנטע טעג

(פארזעצונג פון זייט 2)

ווערט באַצייכנט אַלס דער "ליעד-עיזשענסי", און געווענליך ווערט

ANDREW M. CUOMO
GOVERNOR

STATE OF NEW YORK
DEPARTMENT OF ENVIRONMENTAL CONSERVATION
ALBANY, NEW YORK 12233-1010

JOE MARTENS
COMMISSIONER

APR - 3 2014

Honorable James Skoufis
New York State Assembly
821 Legislative Office Building
Albany, NY 12248

Dear Assemblyman Skoufis:

Thank you for your letter regarding the proposed 510+/- acre land annexation by the Village of Kiryas Joel from the Town of Monroe and your request that the Monroe-Woodbury Central School District (MWCSD) or the New York State Department of Environmental Conservation (DEC) be designated to serve as lead agency for the conduct of an environmental review for this action under the State Environmental Quality Review (SEQR) process.

Based on information provided to us by the school district and material currently under review by my office, DEC has determined that the MWCSD does not qualify as an involved agency under the requirements of 6 NYCRR Part 617.2(s). As defined in regulation, only an involved agency (an agency with jurisdiction by law to fund, approve or directly undertake the action) may serve in the role of lead agency. The school district provided us with cited references to the Education Law (Education Law §§1507 and 1508) to demonstrate the decisions that may come before them, but these references do not establish that the school district would be an involved agency in the annexation. Although Education Law §1504(3) provides a municipality with the discretionary authority to form a new school district that is co-terminus with its boundaries, this does not give the school district the discretionary ability to approve or deny the annexation.

While the MWCSD cannot serve in the role of lead agency, I encourage the MWCSD to participate in the environmental review that will be conducted under SEQR for this action or in the annexation process under Article 17 of the General Municipal Law. Under Article 17 of the General Municipal Law, the governing boards involved in the annexation are specifically required to consider whether the annexation is in the public interest and how it may affect any school district situated wholly or partly in the proposed annexation territory (see General Municipal Law §§705 and 711).

DEC also has no jurisdiction in the annexation and, therefore, cannot be an involved agency or serve as a lead agency for the conduct of the environmental review under SEQR.

As you are aware, an active lead agency dispute for this proposed annexation is presently before us. The dispute is between the Town Board of the Town of Monroe and the Board of Trustees of the Village of Kiryas Joel. Consistent with 6 NYCRR Part 617.6(b)(5) it has been

2.

directed to me for resolution. Based on information submitted to us by various parties, it appears that these are the only two involved agencies who can serve in the role of lead agency for the SEQR review and I will be required to decide between them. We will be pleased to keep you apprised of this decision when it is made.

Please call me at (518) 402-8540 if you have any questions.

Sincerely,

Joseph J. Martens

c: Honorable Harley E. Doles III, Town Supervisor, Town of Monroe
Honorable Abraham Wieder, Mayor, Village of Kiryas Joel

**"די. אי. סי." קאמישאנער מר. מארטינס שלאגט אפ געדאנק פון אויסגעשפראכענער אסעמבלימאן סקאופיס אליינס צו נעמען "ליעד עיזשענסי" שטאטוס**

באַשלאָסן צווישן די צוויי מוניציפּאַליטעטן ווער עס זאָל ערהאַלטן "ליעד-עיזשענסי" סטאַטוס.

ביי אונזער פאַל האָט פּאַסירט אַן אויסעראָרדנטליכע געשעעניש, ווען דורך נעגאַטיווע העצערייען פון די טרויעריג-באַרימטע "יונייטעד מאָנראָ" פּן-ירבה'ניקעס, איז פּלוצים אַפּירגעקומען דער סופּעראינטענדענט פון די שכינות'דיגע "מאָנראָ-וואודבורי סקול דיסטריקט" מיט אַ פּרעצעדענטלאָזע פאַרלאַנג צו דער "די.אי.סי.", אַז דער סקול דיסטריקט זאָל גאָר באַקומען דעם "ליעד-עיזשענסי" סטאַטוס, מיט אַן אויפגעבלאָזענע טענה אַז היות דער אַנעקסעישאָן וועט האָבן אַן אַפּעקט אויף די סקול שטייערן דורך דעם וואָס די באָדנס פונעם אַנעקסעישאָן וועלן אַרויסגיין פון זייער סקול זאָנע און אַריינקומען אונטערן "קרית יואל סקול דיסטריקט", זאָלן זיי הייסן אַן אַגענטור וואָס איז "פאַרמישט" אינעם אַנעקסעישאָן און זיי זאָלן אָנפירן מיט די "סיקרע רעוויו" און ענווייראָמענטאַלע שטודיע.

די "יונייטעד מאָנראָ" אַקטיוויסטן האָבן זיך געפריידט צו דעם פּישל וואָס זיי האָבן דערווישט, כמוצא שלל רב, האָפנדיג אַז דאָסמאָל וועט זיי געלונגען און דער "די.אי.סי." וועט זיך רעכענען מיט זייערע אַנשויאונגען און אפשר דורך דעם וועלן זיי קענען אָפּשטעלן דעם אַנעקסעישאָן און די אומפאַרמיידבאַרע וואוקס בליעה"ר פון קרית יואל. די "יונייטעד מאָנראָ" האָט אַריינגעלייגט די מאַקסימאַלסטע כוחות אַז אַזאַ געדאַנק זאָל באַקומען פליגלען, דורך דעם וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערצוהעצן פאַרשידענע ערוויילטע פירער אַז זיי זאָלן שיקן בריוון פאַר די "די.אי.סי." און אויסדריקן זייער שטיצע פאַר אַזאַ געדאַנק, האָפנדיג דערמיט צו לייגן פּאָליטישן דרוק אויף דער "די.אי.סי." צו שענקען דעם "ליעד-עיזשענסי" פאַר מאָנראָ-וואודבורי, טראָץ דעם וואָס דאָס איז באַלד באַטראַכט געוואָרן ווי אַ וואָזשנער געדאַנק דורך לעגאַלע עקספּערטן און מבינים.

צווישן די ערוויילטע פירער האָט זיך אויך געציילט דער אויסגעשפּראכענער סטעיט-אסעמבלימאן זשעימס סקאופיס וועלכער פאַרטרעט חלקים פון אראנזש קאונטי, אינעם סטעיט-אסעמבלי אין אָלבאַני. סקאופיס האָט אַרויסגעשיקט אַ בריוו פאַר'ן "די.אי.סי." קאָמישאָנער מר. דזשאָו מאַרטינס, שטיצנדיג דעם געדאַנק אַז מאָנראָ-וואודבורי זאָל באַקומען דעם "ליעד-עיזשענסי" קרוין. סקאופיס האָט צוגעלייגט אַן הצעה, אַז אויב די "די.אי.סי." אַנערקענט נישט מאָנראָ-וואודבורי אַלס אַ "פאַרמישטע אַגענטור" אינעם אַנעקסעישאָן און דערפאַר זענען זיי נישט באַרעכטיגט צו זיין דער "ליעד-עיזשענסי", דאַן זאָל כאָטש די "די.אי.סי." זעלבסט נעמען אויף זיך דעם "ליעד-עיזשענסי" סטאַטוס, און אַזוי אַרום באַפרידיגן די העצערס אַז אַ דרויסנדיגע אַגענטור האָט אַדורכגעפירט די שטודיע.

קרית יואל האָט פאַרשטייט זיך באַלד אַריינגעגעבן אַ קלאָרע אָפּאָזיציע צו אַזעלכע הצעות, געבנדיג צו פאַרשטיין פאַר די "די.אי.סי." אַז דער איינציגער אַגענטור וואָס האָט באמת אַרויס אַלע צדדים אינעם אַנעקסעישאָן און דער וואָס וועט די בעסטע קענען אָפּשאַצן דעם ענווייראָמענטאַלן ווירקונג וואָס אַזאַ אַנעקסעישאָן וועט האָבן, איז בלי ספק קרית יואל און נאָר קרית יואל האָט די אויסשליסליכע מעגליכקייטן און צוטריט צו וויכטיגע אינפאָרמאַציע וואָס עס פעלט זיך אויס אָנצוגרייטן דעם באַריכט ווי עס געהער צו זיין.

דורכאויס די גאַנצע צייט האָבן תושבי קרית יואל מתפלל געווען אַז די אַלע העצערייען זאָלן טאַקע נישט תופס מקום זיין ביי די "די.אי.סי.", און זיי זאָלן אויפריכטיג באַשליסן אין די אינטערעסן פונעם אַנעקסעישאָן, איינצוזען אַז די אַלע פּראָפּאַגאַנדע האָט נישט קיין האַפט און אַז קרית יואל וועט האַנדלען מיט פולשטענדיגע פאַראַנטוואָרטליכקייט אַזוי ווי די רייכע פאַרגאַנגענהייט האָט שטענדיג באַוויזן.

דערפאַר איז מיט עטליכע וואָכן צוריק געווען גאָר דערפרישנד צו הערן, אַז אין אַ בריוו דאַטירט מאַרטש 12, שרייבט אַ פאָרשטייער פון "די.אי.סי." צו די אַדוואָקאַטן פירמע וועלכע טוט רעפּרעזענטירן דעם "מאָנראָ-וואודבורי סקול דיסטריקט", אַז נאָכן גרונטליך איבערגיין זייער פאַרלאַנג צו דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי", טוט די "די.אי.סי." אָפּוואַרפן דעם פאַרלאַנג אַלס אומבאַגרינדעט, און אַז לויט די פאָרשריפטן פונעם געזעץ האָט מאָנראָ-וואודבורי נישט גענוג שטעלונג אַדורכצופירן אַזאַ שטודיע.

אין אַ באַזונדערע בריוו אַדרעסירט צו אסעמבלימאן סקאופיס,

New York State Department of Environmental Conservation
Division of Environmental Permits, 4th Floor
625 Broadway, Albany, NY 12233-1750
Phone: (518) 402-9180 • Fax: (518) 402-9168
Website: www.dec.ny.gov

Joe Martens
Commissioner

March 12, 2014

Mr. Daniel Petigrow, Esq.
Thomas, Drohan, Waxman, Petigrow & Maple, LLP
2517 Route 52
Hopewell Junction, New York 12533

Re: Request for Designation of Lead Agency, Proposed 510 Acre Land Annexation, Town of Monroe to Village of Kiryas Joel, Orange County

Dear Mr. Petigrow:

This is in response to your request dated January 29, 2014 to Commissioner Martens asking that he designate the Monroe-Woodbury Central School District to serve as lead agency for the conduct of an environmental review under the State Environmental Quality Review (SEQR) for the proposed 510-acre annexation of land by the Village of Kiryas Joel from the Town of Monroe.

Based on information provided in your letter, and material currently under review by this office, the Department has concluded that the Monroe-Woodbury Central School District does not qualify under the requirements of the SEQR regulations, and more specifically, 6 NYCRR sections 617.2(s) and (u), as an involved or lead agency for this action.

As provided in the SEQR regulations at 6 NYCRR Part 617.6(b)(5), only an involved agency (defined in 6 NYCRR 617.2(s) as an agency with jurisdiction by law to fund, approve or directly undertake an action) or the project sponsor may request the Commissioner to designate a lead agency. The Monroe-Woodbury Central School District is neither the project sponsor nor does it satisfy the criteria to be considered an involved agency because the school district does not have authority to approve or deny the annexation (see 1967 N.Y. Op. [Inf.] Att'y Gen. 48). Education Law §§1507 and 1508, cited in your letter to the Commissioner, do not make the school district an involved agency in the annexation. Although Education Law §1504(3) provides a municipality with the discretionary authority to form a new school district that is co-terminus with its boundaries, this does not give the school district the discretionary ability to approve or deny the annexation. Therefore, the Monroe-Woodbury Central School District lacks standing under 6 NYCRR Part 617.6(b)(5) to make the request for the Commissioner to designate a lead agency under the provisions of SEQR.

This determination does not mean that the Monroe-Woodbury Central School District is precluded from participating in any environmental review that may be conducted under SEQR for this action or under Article 17 of the General Municipal Law. As you point out in your letter,

under Article 17 of the General Municipal Law, the governing boards involved in the annexation are specifically required to consider whether the annexation is in the public interest and how it may affect any school district situated wholly or partly in the proposed annexation territory (see General Municipal Law §§705 and 711).

Given the above, the Commissioner's Office will be taking no further action on your request to be designated as lead agency. However, the Department does have a lead agency dispute between the governing boards of the Town and the Village that has been directed to the Commissioner for resolution. By copy of this letter, I am informing the governing boards of the school district's interest in this action. The Monroe-Woodbury Central School District's request will be closed and maintained in the Division of Environmental Permits on file with the lead agency dispute record for this action. If you have any further questions, please contact me or Robert Ewing at the address or telephone number listed above.

Sincerely,

Jack A. Nasca
Director of Environmental Permits
and Pollution Prevention

cc. **Involved Parties**
Hon. Harley E. Doles III, Town Supervisor, Town of Monroe
Hon. Abraham Wieder, Mayor, Village of Kiryas Joel
Daniel Ruzow, Whiteman, Osterman and Hanna, LLP, counsel to the Village of Kiryas Joel
Michael Donnelly, Dickover, Donnelly & Donovan, LLP, counsel to the Town of Monroe

**Interested Parties**
Hon. William Larkin, NYS Senate
Hon. James Skoufis, NYS Assembly
Steven Neuhaus, Orange County Executive
Hon. John Burke, Town of Woodbury
Hon. James C. Purcell, Village of Monroe
Hon. Michael Queenan, Village of Woodbury
Hon. Stephen H. Welle, Village of Harriman
Joel Petlin, Kiryas Joel Union Free School District

**New York State Department of Environmental Conservation**
Commissioner Joseph Martens
Martin D. Brand, Regional Director, NYSDEC, Region 3
Zackary Knaub, Regional Attorney, NYSDEC Region 3
Daniel Whitehead, Regional Permit Administrator, NYSDEC, Region 3
Lawrence Weintraub, NYS DEC Office of General Counsel
Robert Ewing, NYSDEC Division of Environmental Permits

**"די. אי. סי." בריוו צו מאנרא-וואודבורי סקול דיסטריקט ווארפט אפ זייער פארלאנג צו דינען אלס "ליעד עיזשענסי" אינעם אנקעסעישאן ענווייראמענטאלער שטודיע**

האָט דער "די.אי.סי." קאָמישאָנער מר. מאַרטינס זעלבסט זיך באַצויגן צום סטעיט-סענאַטאָר וואו ער ערקלערט, אַז אין צוגאָב צום פריערדיגן באַשלוס אַז מאָנראָ-וואודבורי קען נישט קומען אין באַטראַכט אַלס "ליעד-עיזשענסי" איז אויך דער צווייטער פאָרשלאַג אַז "די.אי.סי." זעלבסט זאָל נעמען "ליעד-עיזשענסי", נישט באַגרינדעט, און דאָס קען אויך נישט אָנגענומען ווערן אונטערן "סיקרע" געזעץ, היות אַז "די.אי.סי." איז נישט קיין אַקטיווער צד אינעם פּראָצעדור, דערפאַר — פירט דער קאָמישאָנער אויס — ווערט דער פאַרלאַנג אַנטזאָגט.

וואָס עס בלייבט יעצט איבער צו הערן פון "די.אי.סי." איז איר באַשלוס צווישן קרית יואל אָדער די טאַון אָוו מאָנראָ, וועלכע פון די צוויי מוניציפּאַליטעטן זענען אין אירע אויגן בעסער אַהערגעשטעלט זיך צו באַפאַסן מיט די שטודיע און דינען אַלס "ליעד-עיזשענסי" אינעם פּראָצעדור. דער ענדגילטיגער באַשלוס ווערט ערוואַרטעט גאָר בקרוב און האָפנטליך וועט דער אויסגאַנג זיין לטובת דעם עתיד פון קרית יואל, און דער היסטאָרישער אַנעקסעישאָן פּראָצעדור זאָל זיך רוקן פאָראויס, אויסצוברייטערן די גבולי הקדושה און אויפצובויען אַ שטאַרקער צוקונפט פאַר'ן בליה און וואוקס פון דער שטאָט, אויפ'ן זעלבן וועג וואָס דער הייליגער מייסד אבינו רועינו מרן רביהקוה"ט זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט ביים התייסדות פונעם הייליגן שטעטל מיט גענוי פערציג יאָר צוריק, זאָל ווייטער אָנגיין תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, מרא דאתרא קדישא הדין, עד ביאת הגואל.

# סטעיט סופרים קאָורט ריכטער ניקאָליי אַנולירט שכינות'דיגע ווילעדזש-אָוו-וואודבורי "מעסטער פלען" און זאָונינג געזעצן אַלס אומגעזעצליך

**שטאַרקער געווינס פאַר קרית יואל אין בעפאָרברייטונג צו קומענדיגע "אַנעקסעישאָן" פלענער - וואודבורי אַדוואָקאַט: וואודבורי וועט אַפעלירן דעם פסק**

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

"ווילעדזש אָוו וואודבורי". דער נייער ווילעדזש האָט געזאָלט פאַרשווערן דעם פראָצעדור אַז קרית יואל זאָל זיך אויסשפרייטן אין די גרעניצן פון וואודבורי, אָדער אַז אידישע וואודבורי איינוואוינער זאָלן עווענטועל קענען גרינדן אַן אייגענעם ווילעדזש. די ווילעדזש גרעניצן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אַריינצונעמען דעם גאַנצן טאַון אָוו וואודבורי, אויסער דאָרט וואו דער "ווילעדזש אָוו הערימאַן" פאַרנעמט שטחים אין די גרעניצן פון טאַון אָוו וואודבורי.

בשנת תשס"ז ולמס' יוני פון 2007, האָט דער ווילעדזש באָורד פונעם ניי-געשאַפענעם ווילעדזש אָוו וואודבורי, געשטימט צו אַדאָפטירן און איבערנעמען דעם גאַנצן "קאָמפריהענסיוו פלאַן" וואָס איז מתחלה געשריבן געוואָרן פאַרן טאַון אָוו וואודבורי, אַז דאָס זאָל דינען אַלס די נייע ווילעדזש זאָונינג געזעצן. דאָס האָט זיך געצויגן פאַר די קומענדיגע פאָר יאָר, ווען דער ווילעדזש האָט נאָכאַנאַנד צוגעלייגט און געטוישט פאַרשידענע פרטים אין די זאָונינג מאַפעס און געזעצן, און הערשט אין 2011 למספ', אין יאָר תשע"א, האָט דער ווילעדזש ענדגילטיג באַשטעטיגט די זאָונינג געזעצן וואָס איז געוואָרן אַריינגעגעבן פאַר די קאַונטי אויפ'ן דאַטום פון אָקטאָבער 14, 2011.

ווי נאָר די זאָונינג געזעצן זענען אריין אין קראַפט, האָט די הנהלת הקריה וואָס פאַרפיגט אויף די "עיס פאַרם" שטחים, זיך צאַמגעשטעלט מיט נאָך עטליכע לאַנד-אייגנטימער, און אונטערגעשטיצט פונעם ווילעדזש אָפיס פון קרית יואל, וואָס אַלס די שכינות'דיגע מוניציפאַליטעט וועט אויטאָמאַטיש פאַלן אַ גרעסערער לאַסט אויף קרית יואל, אויב זאָלן די שטרענגע זאָונינג געזעצן פון וואודבורי ווערן אַ פאַקט, און אינאיינעם האָט מען געצווינגענערהייט אַריינגעטראָגן אַ געריכטליכע קלאַגע קעגן די חוקי סדום וואָס וואודבורי וויל אַדורכפירן.

איינע פון די פונדאַמענטאַלע טענות וואָס די קלאַגע האָט אַריינגענומען, איז דער געזעץ וואָס פאַרבאָט פאַר מוניציפאַליטעטן צו שאַפן סיי וועלכע געזעצן וואָס טוט במישרין אָדער בעקיפין אַרויסשניידן אַ געוויסע סעקטע אָדער ראַסע פון קענען געניסן פון די זעלבע רעכטן ווי אַנדערע בירגער. דאָס ווערט אָנגערופן אויף ענגליש "עקסקלוזשינערי זאָונינג". און אויף דעם באַזיס האָבן די אַדוואָקאַטן פאַר קרית יואל איבערצייגט דעם ריכטער, אַז די ספעציעל-שאַרפע געזעצן וואָס וואודבורי וויל איינפירן דייקא אויף די שטחים נעבן קרית יואל, איז געצילט צו פאַרמיידן אַז חסיד'ישע אידן זאָלן זיך נישט קענען גרינג באַזעצן אויף די דערמאַנטע שטחים.

עס ווערט אָנגעוויזן אין די געריכט-פאַפירן אַז חסיד'ישע אידן האָבן ספעציעלע געברויכן און פאַרלאַנגען צו זיין אַ "וואָקעבל קאָמיוניטי", ד.ה. אַז היות ביי אונז חסיד'ישע אידן דרייוון נישט די פרויען קיין קאַרס, און אין שבתות וימים טובים איז פאַר יעדן פאַרבאָטן צו פאָרן מיט קאַרס, זענען מיר בהכרח אויסגעשטעלט אַז מיר דאַרפן לעבן אין אַ געגנט וואו די וויכטיגע קאָמיוניטי-געברויכן, ווי בתי מדרשים און מקוואות, זענען גענוג נאָנט אַז מ'קען גיין צופיסנס. און אַזעלכע געזעצן ווי דאָס וואָס וואודבורי וויל איינפירן אַז מען זאָל נאָר קענען בויען איין-פאַמיליע הייזער אויף יעדע דריי עיקרס, און ענליכע באַגרעניצונגען, דאָס טוט באַשיינפערליך פאַרלעצן די רעכטן פון די שכינות'דיגע געברויכן, און טוט נישט אַקאָמאַדירן דאָס וואָס חסיד'ישע אידן דאַרפן צו האָבן צו קענען לעבן און וואַקסן.

דער געריכטליכע פראָצעדור האָט זיך ווי געוועגליך געצויגן אַ לענגערע שטיק צייט, און ענדליך דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פר' שמיני, לסדר "יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם", האָט ריכטער ניקאָליי פונעם סטעיט סופרים געריכט אין ווייט-פלעינס, געשאָנקן געררעכטיגקייט פאַר קרית יואל און די הנהלת הקריה, און פאַראָרדענט אַז וואודבורי דאַרף אַנולירן די שטרענגע געזעצן און איבערשרייבן אַ נייעם "מעסטער פלען" מיט זאָונינג געזעצן וואָס זאָלן זיין אַקאָמאַדירענד און גינסטיג פאַר די שכינות'דיגע קרית יואל'ער געמיינדע, אַזוי ווי דער געזעץ פאַרלאַנגט.

ווי ערוואַרטעט האָט דער וואודבורי ווילעדזש אַדוואָקאַט באַלד געגעבן אַ סטעיטמענט פאַר די לאָקאַלע פרעסע, פאַרשפרעכנדיג אַז וואודבורי וועט זיך נישט דאָ אָפשטעלן נאָר זי וועט אַפעלירן דעם אורטייל צו די העכערע געריכטן, און ס'איז די האָפנונג פון תושבי קרית יואל אַז אויך די העכערע ריכטער זאָלן זיך רעכענען מיט די געפילן און געברויכן פון קרית יואל, און זיי זאָלן באַשטעטיגן דעם פסק פון ריכטער ניקאָליי.

לב מלכים ושרים ביד ה'.

3/20/2014 12:12 PM 25BOCA-GWFAX -> 15184877777 Page 2 of 30

Page 29 of 30

To commence the statutory time for appeals as of right (CPLR 5513[a]), you are advised to serve a copy of this order, with notice of entry, upon all parties

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
ENVIRONMENTAL CLAIMS PART
NINTH JUDICIAL DISTRICT, COUNTY OF ORANGE
---X

In the Matter of the Application of

VILLAGE OF KIRYAS JOEL, NEW YORK, MAYOR ABRAHAM WIEDER, VILLAGE ADMINISTRATOR GEDALYE SZEGEDIN, VILLAGE TRUSTEE JACOB FREUND, VILLAGE TRUSTEE SAMUEL LANDAU, VILLAGE TRUSTEE JACOB REISMAN, each in his official capacity as on officer of the Village of Kiryas Joel, ROSE UNGAR, DAVID UNGAR, MOSES WITRIOL, ATKINS BROTHERS ASSOCIATES, INC., BURDOCK REALTY ASSOCIATES, INC., COMMANDEER REALTY ASSOCIATES, INC., DILIGENT REALTY ASSOCIATES, INC., and "JOHN DOES and JANE DOES" "1" through "250" as residents of Woodbury of Orthodox Jewish origin living in Western Woodbury,

Petitioners-Plaintiffs,

DECISION, ORDER & JUDGMENT

For a Judgment Pursuant to Article 78 of the Civil Practice Law and Rules and a Declaratory Judgment Pursuant to Section 3001 of the Civil Practice Law and Rules.

Index No.: 9655 /11

Fully Submitted: 11/18/13

-against-

VILLAGE OF WOODBURY, NEW YORK, and VILLAGE OF WOODBURY BOARD OF TRUSTEES,

Respondents-Defendants,

-and-

TOWN OF WOODBURY, NEW YORK, VILLAGE OF WOODBURY PLANNING BOARD, and GARY THOMASBERGER, as the Village of Woodbury Building/Zoning Inspector and Code Enforcement Officer,

Defendants.
---X

NICOLAI, J.,

ORDERED and ADJUDGED that the Petition is granted to the extent that the first, second, fourth, and eighth causes of action are granted, and the third, fifth, sixth, seventh, ninth, twelfth, thirteenth and fourteenth causes of action are denied; and it is further

ORDERED and ADJUDGED that in view of the foregoing, this Court need not reach a determination with respect to the remaining causes of action; and it is

ORDERED and ADJUDGED that the Resolution dated June 14, 2011, of the Village Board of the Village of Woodbury, adopting the Comprehensive Plan for the Village of Woodbury, is annulled, and the Comprehensive Plan for the Village of Woodbury adopted pursuant thereto is declared void and unenforceable; and it is further

ORDERED and ADJUDGED that the Resolution dated June 14, 2011, of the Village Board of the Village of Woodbury, adopting Local Law 3 of 2011, consisting of amendments to Chapter 310 of the Village Code of the Village of Woodbury, is annulled, and the amendments adopted pursuant thereto, with the exception of the amendments adopted and codified as section 310-13 of the Village Code of the Village of Woodbury (otherwise known as the Ridge Preservation Overlay District), are declared void and unenforceable and, it is further

ORDERED and ADJUDGED that the Resolution dated June 14, 2011, of the Village Board of the Village of Woodbury, adopting Local Law 4 of 2011, consisting of amendments to the Zoning Map of the Village of Woodbury, is annulled, and the amendments adopted pursuant thereto, with the exception of the amendments adopted and codified as section 310-13 of the Village Code of the Village of Woodbury (otherwise known as the Ridge Preservation Overlay District), are declared void and unenforceable.

The foregoing constitutes the decision, order and judgment of the Court.

Dated: White Plains, New York
March 19, 2014

ENTER:

HON. FRANCIS A. NICOLAI
Justice of the Supreme Court

28

**סופרים קאורט ריכטער ניקאליי דערקלערט שטייפע וואודבורי זאונינג קאודס אלס אמגעזעצליך!**

# ווילעדזש אָוו וואודבורי דראָעט זיך צו באַנוצן מיט "עמינענט דאָמעין" געזעץ אַוועקצונעמען שפּרודלענדע וואַסער-קוועלער פון קרית יואל

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

אַרויסצוגעבן אזויפיל ווי צוויי-הונדערט און פופציג טויזנט גאַלאָן, האָט אָבער נישט אויסגעפעלט מער פאַר די געברויכן פונעם דערמאַנטן דעוועלאָפּמענט פאַר וועמען די קוועלער זענען געגראָבן געוואָרן. די פירמע האָט אויך אַרויפגעשטעלט אַ גוטן פּאָמפּ-סטעישאָן מיט אַנדערע צוגעהערן וואָס פעלט זיך אויס צו קענען צושטעלן די וואַסער, און ווען דער דעוועלאָפּמענט איז באַזעצט געוואָרן האָט די פירמע אָפּעררירט און אַרויסגעשיקט מאָנאַטליכע סטעיטמענטס פאַר די באַנוצער פון די קוועלער.

עטליכע יאָר זענען פאַרבייגעלאָפן און מר. בראָדסקי האָט ערהאַלטן אַן אָנבאָט פון אַן אַנדערן וואודבורי אייגנטומער, וואָס האָט געזען אַ געלעגנהייט צו פאַרברייטערן די וואַסער פירמע און אירע קוועלער פאַר זיינע פּריוואַטע שטחים אין וואודבורי און אויך אין די דערנעבנדיגע טאַון אָוו מאָנראָ, און ער האָט אָפּגעקויפט די פירמע מיט אירע לייסענס און אַלע צוגעהערן, מיטן פּלאַן אויסצוברייטערן דעם באַנוץ פון די קוועלער און די וואַסער פירמע.

ווען דער ווילעדזש אָוו וואודבורי איז געוואויר געוואָרן פונעם געשעפט, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן שפּירן אַז דאָס קען פירן אַז קרית יואל זאל במישרין אָדער בעקיפין קענען נהנה זיין דערפון, און ווי זייער שטייגער אין אַזעלכע פעלער איז, האָבן זיי באַלד דערקלערט אַז זיי וועלן מיט אַלע מיטלען אָפּשטעלן אַז די וואַסער פון די קוועלער זאָלן קענען וועוונטועל גענוצט ווערן פאַר היימישע אידן.

דער ערשטער שריט דאָס צו שטערן איז געווען ווען וואודבורי האָט אַדאָפּטירט אַ לאָקאַלער געזעץ אַז וואַסער וואָס ווערט געגראָבן אין שטחים פון וואודבורי, טאָר נישט גענוצט ווערן אין דרויסנדיגע שטחים וואָס זענען נישט אין די גרעניצן פון וואודבורי, און אַזוי אַרום האָבן זיי געוואָלט בלאָקירן אַז דער אייגנטומער זאָל נישט קענען אַרויסנעמען דאָס וואַסער פאַר זיינע שטחים אין די דערנעבנדיגע מאָנראָ. צו דער זעלבער צייט וואָלט אַזאַ געזעץ געשאַפן אַ פּרעצעדענט וואָס וואָלט געקענט האָבן גאָר אַ נעגאַטיוון אַפעקט אויף קרית יואל און אויפ'ן מאַסיוון פּייפּליין פּראָיעקט, ווייל ווי באַקאַנט האָט קרית יואל אָפּגעקויפט עטליכע קוועלער אין דערנעבנדיגע מוניציפּאַליטעטן, וואָס פעלט וויכטיג אויס סיי פאַר'ן טעגליכן באַנוץ פון קרית יואל'ס וואַסער-געברויכן און אויך אַלס "בעקאָפּ" פונעם פּייפּליין, און אויב זאָל אַזאַ געזעץ אַדורכגיין, קענען אַנדערע מוניציפּאַליטעטן נאָכמאַכן דעם געזעץ און שטערן דעם פונדאַמענט פונעם צוקונפט פון קרית יואל היל"ת.

דער לאַנד-אייגנטומער האָט אַריינגעטראָגן אַ געריכטליכע אָנקלאַגע קעגן וואודבורי, מיט אַ טענה אַז אַזאַ געזעץ איז נישט אויסגעהאַלטן און קען בשום אופן נישט ערלויבט ווערן. דער געריכטליכער פּראָצעדור האָט זיך אָנגעהויבן און אינצווישן האָט דער אייגנטומער געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט קרית יואל, צו קענען געניסן פון קרית יואל וואַסער אויף זיינע שטחים אין מאָנראָ ווען זיי וועלן ווערן אויסגעבויט, וואָס ווי באַקאַנט האָט דער ווילעדזש שוין געמאַכט אַזעלכע אָפּמאַכן מיט די אייגנטומער פון די "ווינטעדזש וויסטא" שטחים ביים ווינקל פון מאַונטען ראָוד און סעווען ספּרינגס און ביי אַנדערע דערנעבנדיגע שטחים.

אונטער דעם אָפּמאַך האָט דער ווילעדזש אויך אָפּגעקויפט דעם "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני", ווייל פאַר קרית יואל קען דאָס זיין אַ גרויסע געווינס אינעם אָנגייענדן ריזיגן פּייפּליין אונטערנעמונג, סיי אַלס "בעקאָפּ פּלאַן" פאַר ווען דער עקוועדאָקט וועט אָפּגעשפּאַרט ווערן פאַר רוטינע מעינטענענס, וואָס דאָס ווערט פאַרלאַנגט דורך ניו יאָרק סיטי, אָבער אויך אַלס אַ צייטווייליגער לעזונג אויף ביז ווען דער ענדגילטיגער באַהעפטונג צום "עקוועדאָקט" וועט בעזהשי"ת צושטאַנד קומען, קענען די רייכע קוועלער בשכינות פון קרית יואל דינען אַלס אַ שטאַרקער צוגאָב צו די יעצטיגע קוועלער, ובפרט אַז דאָס איז נישט ווייט פון וואו דער פּייפּליין לויפט אַדורך.

ווי געמאָלדן אינעם פריערדיגען "הקריה" האָט טאַקע דער ריכטער אַנולירט דעם געזעץ פון וואודבורי אַלס אומקאָנסטיטוציאָנאַל, וואָס מיט'ן נייעם אָפּמאַך פון קרית יואל איבער די קוועלער, איז דאָס באַלד באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שטאַרקער געווינס פאַר קרית יואל, סיי איבער די קוועלער גופא, אָבער אויך אינעם לאַנג-טערמיניגן גרעסערן בילד פון וואַסער סופּליי, ווי פריער אויסגעשמועסט.

ווען דער וואודבורי ווילעדזש האָט געזען אַז דער געזעץ איז דורכגעפאַלן, האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו אַ נייעם געדאַנק, און דאָס איז אַפּירצונעמען די רעכטן וואָס יעדער מוניציפּאַליטעט פאַרמאָגט אונטערן געזעץ פון "עמינענט דאמעין", וואָס דאָס באַדייט אַז אויב זעט אַ געוויסער מוניציפּאַליטעט איין אַז עס איז אין די אינטערעסן פון די איינוואוינער און פונעם ישוב אַז געוויסע באָדנס זאלן ווערן איבערגענומען דורכ'ן ווילעדזש אָדער טאַון אד"ג, האָבן זיי די רעכט דאָס צו באַשליסן און אַוועקנעמען די באָדנס פון די אייגנטימער.

דעם געזעץ וויל יעצט דער ווילעדזש פון וואודבורי אַקטיוויזירן איבער די קוועלער און די "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני", וואָס איז היינט דער אייגנטום פון קרית יואל, ווען פּלוצים ווילן זיי דאָס פאַרוואַנדלען אין אַ "מוניסיפּל וואָטער סופּליי" אַז דער וואודבורי ווילעדזש וואָס האָט קיינמאָל נישט צוגעשטעלט קיין וואַסער סערוויסעס, זאָל פון היינט און ווייטער אָנהייבן צושטעלן וואַסער, און דער ערשטער שריט וועט זיין צו נוצן די "וואודבורי הייטס וואָטער קאָמפּאַני" און אירע קוועלער און דאָס אַוועקנעמען פון קרית יואל.

עס ברויך באַטאָנט ווערן אַז וואודבורי האָט געהאַט אַזאַ אָנבאָט מיט אַ לאַנגע צייט צוריק, נאָך דורך דעם ערשטן אייגנטומער פון "וואודבורי הייטס וואטער קאָמפּאַני", דער דערמאַנטער מר. ריטשארד בראדסקי, אבער דעמאָלס האָט עס וואודבורי אָפּגעזאָגט, נישט זוכנדיג אויסצוברייטערן זייערע סערוויסעס, אָבער ווי נאָר די קוועלער זענען אַריבער צום אייגנטום פון קרית יואל, האָט דאָס באַלד געטוישט זייער אויסקוק דערוועגן, וואָס ווי דערמאַנט האָט דאָס געפירט צום לעצטן פּרואוו אַוועקצונעמען די קוועלער אונטער "עמינענט דאמעין".

דער פּראָצעדור פון "עמינענט דאמעין" גייט אין פאַרשידענע פאַזעס. די ערשטע פאַזע קומט אין פאָרעם פון אַ "פּאָבליק נאָטיץ" וואָס פאָלגט נאָך מיט אַ "פּאָבליק הירינג" וואו אַנדערע קענען זיך לאָזן הערן פאַרוואָס זיי זענען קעגן אַזאַ שריט. ווי נאָר קרית יואל האָט זיך דערוואוסט פון זייערע פּלענער, האָט דער ווילעדזש אַראָפּגעשיקט אַן אַדוואָקאַט צום "פּאָבליק הירינג" וואָס איז פאָרגעקומען צוזאַמען מיט'ן וואודבורי "ווילעדזש באָורד מיטינג", פאַרגאַנגענעם פרייטאָג פר' צו ולמס' מערץ 13, און דער ווילעדזש אַדוואָקאַט האָט איבערגעגעבן די אָפּאָזיציע פון קרית יואל צו דעם אַקט פון וואודבורי – סיי מונדליך, ביים "פּאָבליק הירינג", און אויך שריפטליך.

עס איז ערוואַרטעט אַז וואודבורי וועט פּרובירן ווייטער צו גיין מיטן פּראָצעדור, טראָצדעם וואָס זיי פאַרמאָגן נישט קיין שום סיבה צו טאָן אַזאַ אומרעכט, ווען עס איז קלאָר אַז וואודבורי פאַרמאָגט היינט-צוטאָגס גענוג און נאָך וואַסער, איבער דאָפּלט פון זייער טעגליכע געברויכן, וואָס דאָס איז אַלעס פּאָבליק רעקאָרדס און קען גרינג ווערן אויפגעוויזן, איז קלאָר אַז דער איינציגער אורזאַך פאַרוואָס זיי ווילן אַוועקנעמען די קוועלער און די שטחים אַרום, איז נאָר ווייטער צו שטופּן זייער אַנטי-קרית יואל אַגענדע און אונטערשטעלן שטרויכלונגען ביי טריט און שריט.

קרית יואל איז אַנטשלאָסן דאָס צו באַקעמפן, און עס איז צו האָפן אַז דער זעלבער כח וואָס האָט געהאָלפן ביז אַהער, וועט טאַקע ווייטער שטיין צו הילף ואל תטשנו לנצח, וזכות רבותינו הקדושים זכותם יגן עלינו וועט אוודאי ביישטיין אַז דער כח הקדושה זאל האָבן אַן המשכה עד ביאת הגואל.

# קרית יואל שטאַרק באַזאָרגט איבער נייעם "וואודבורי געמבלינג קאַסינאָ" פּלאַן צוליב פּאָטענציעלע נעגאַטיווע ווירקונג ברוחניות ובגשמיות

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

פאַר די געפּלאַנטע קאַסינאָס, וואָס פון די אַלע פּלענער וועט די סטעיט וועוונטועל באַשטעטיגן געציילטע פּלעצער אויפצושטעלן די קאַסינאָס.

מיט עטליכע וואָכן צוריק האָט אַ באַרימטע אונטערנעמונג און פאַרוואַלטונג פירמע, אונטער'ן נאָמען "פּלאַם מענענזשמענט קא." איבערראַשט די איינוואוינער פון אָראַנדזש קאַונטי, ווען זיי האָבן פאָרגעשטעלט פאַר די קאָמיסיע אַ פּלאַן אויפצובויען אַ ריזיגער קאַסינאָ און פאַרווייַלונגס רעזאָרט, אויפ'ן ריזיגען שטח פון 130 אַקער-לאַנד אין די גרעניצן פון וואודבורי נעבן די "וואודבורי קאממאנס" געשעפטן, אין נאָנטן שכינות פון קרית יואל. די איבערראַשונג איבער די פּלענער איז געקומען ווייל אָראַנדזש קאַונטי איז דורכאויס די גאַנצע צייט פונעם קאַמפּיין בכלל נישט געווען אין באַטראַכט אַלס אַ פּאָטענציעלער געגנט פאַר די קאַסינאָס, הויפּטזעכליך ווייל זי שטייט אַסאַך בעסער עקאָנאָמיש ווי דער "קעטסקיל ראַיאָן" און די סאַליוואָן און אָלסטער קאַונטיס אין אָפּסטעיט, ניו יאָרק.

דערווייל איינמאָל עס איז געוואָרן "הותרה הרצועה" און די קאַסינאָס זענען געוואָרן נענטער צו אַ פאַקט, ווייל די דערמאַנטע "פּלאַם מענענזשמענט" אַז די סטעיט זאָל יאָ שענקען אַן ערלויבעניש אין אָראַנדזש קאַונטי, און זייער טענה דערצו איז אַז דאָס וועט ציען אַסאַך מער באַזוכער, זייענדיג נאָנט צו די גאָר פּאָפּולערע "וואודבורי קאַמאָנס" געשעפטן וואָס ציעט שוין היינט איבער דרייצן מיליאָן באַזוכער יערליך, און אויך געפונט זיך דער שטח האַרט נעבן די הערימאַן באַן-סטאַנציע און די "ניו יאָרק סטעיט טרואוועי", וואָס באַדייט גרינגע טראַנספּאָרטאַציע מיטלען פון די שטאָט.

פאַר תושבי קרית יואל ווידער איז דאָס גאָר נעגאַטיווע נייעס, וויסנדיג וואָס אַזאַ פּלאַן קען פאַראורזאַכן פאַר די גאַנצע אומגעגנט, סיי ברוחניות, ווען אַזעלכע איינריכטונגען ציעט די נידריגסטע עלעמענטן זאָלן זיך דרייען אין די גאָר נאָנטע שכנות פון די שטאָט, וואָס די פּירות דערפון קענען חס ושלום זיין זייער פאַטאַל, ותוצאותיו מי ישורנה. און דאָס זעלבע בגשמיות, ווען אַזאַ ריזיגער רעזאָרט וועט אָנברענגען גאָר אַ שווערן טראַפיק אין די גאַנצע געגנט, מיט מיליאָנען יערליכע באַזוכער וועלכע וועלן אָנפולן די שאָסייען און ראָודס אַרום קרית יואל..

אין גאָר אַ שטאַרקן שריט האָט די הנהלת הקריה באַלד באַשלאָסן אַרויסצוקומען אין דער עפנטליכקייט און אויסדריקן אַ שאַרפן פּראָטעסט און אַנטריסונג איבער אַזאַ פּלאַן. אין אַ שאַרפע רעזאָלוציע, דאַטירט פאַרגאַנגענעם אַפּריל 4, שרייבן די ווילעדזש באָורד מיטגלידער פאַרשידענע פּראַקטישע טעמים פאַרוואָס קרית יואל איז קעגן אַזאַ פּראָיעקט, אַרויסברענגענדיג אַז די באַשטעטיגונג פון אַ קאַסינאָ אין דער געגנט פון קרית יואל וועט האָבן גאָר אַ נעגאַטיוון ווירקונג אויף קרית יואל און אויף די גאַנצע אומגעגנט, און פאַרלאַנגנדיג פון די סטעיט אַז קרית יואל זאָל האָבן אַ רעכט אַריינצורעדן ווען עס קומט צו באַשטעטיגן אַזאַ פּראָיעקט, לויט די סטעיט פאָרשריפטן ביי אַזעלכע פעלער.

תושבי קרית יואל האָפן און זענען ערליך מתפלל די טעגליכע בקשה פון "ותצילנו היום ובכל יום משכן רע", אַז די פּלענער זאָלן נישט צושטאַנד קומען, און אַזאַ זאַך זאָל חלילה נישט קומען לידי גמר, און די הייליגע שטאָט זאָל חלילה נישט ווערן אויסגעשטעלט צו אַזאַ נידריגע אונטערנעמונג אין די גאָר נאָנטע שכינות.



VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**Village of Kiryas Joel**

**Resolution**

**Opposing the Location of a Gambling Casino in Woodbury**

**Whereas,** a so-called "gaming casino" has been proposed to be located in Woodbury, Orange County, New York; and

**Whereas,** there already exists adverse traffic conditions in the vicinity of the proposed location due to the existing shopping and commercial facilities (and their ongoing expansion); and

**Whereas,** Woodbury officials and residents currently are complaining about inadequate water supplies and interference with their municipal wells without consideration of the additional water demand imposed by the proposed casino; and

**Whereas,** Woodbury officials and residents are currently complaining about inadequate sewage treatment capacity and the potential adverse effects on the nearby Ramapo River without consideration of the additional demand imposed by the proposed casino; and

**Whereas,** existing and expanded wastewater treatment capacity must first respond to the needs of existing communities and internally generated growth of those communities; and

**Whereas,** the Village of Kiryas Joel ("Village") is a wonderful place to live, work, and raise a family, and we as the elected Village Board want to preserve and protect these qualities of life so that the future generations born and raised in the Village may also enjoy them; and

**Whereas**, the proposed casino is located in very close proximity to public and private religious schools and the Village's new Kinder Park on Larkin Road and will subject our young people to adverse influences; and

**Whereas**, the proposed casino does not conform to the Woodbury or Orange County comprehensive plans; and



**Whereas**, the NYS Gaming Commission requirements for license applications of a gaming casino require demonstration of local support for a casino and evidence of mitigation on host and *nearby* municipalities which should be available to the local municipalities prior to expression of such support; and

**Whereas**, no environmental impact study has been performed to study the manifest adverse impacts of such casino gaming proposal in Woodbury at the proposed location that would inform Woodbury officials on whether their support of the proposed casino is in the public interest ; and

**Whereas**, the Village should be considered as an involved agency under SEQRA if the gaming casino proposes to utilize the Orange County Sewer District No. 1 facilities; and

**Whereas,** tens of thousands of NY citizens have expressed their opposition to having a gaming casino in or near their community, and specifically in the Village of Kiryas Joel, the November ballot proposal on casino gaming was overwhelmingly rejected by the voters 3,687 to 139;

**Now Therefore, Be It Resolved** by the Village Board of Trustees of the Village of Kiryas Joel, Orange County, New York, opposes the location of any gaming casino in Woodbury, Orange County, New York, or in the neighborhood of the Village of Kiryas Joel and this opposition shall be expressed by providing this resolution to all relevant public officials having a part in the location and approval process; and

**Be it Further Resolved** that the Village Administrator is authorized to take all necessary steps to carry out this resolution and to retain qualified legal counsel to oppose and challenge the establishment of a gaming casino in Woodbury, Orange County, New York.

Dated: April 4, 2014

On a motion by Trustee Landau, seconded by Trustee Reisman the foregoing resolution was adopted on a vote of 4 ayes, 0 nays, 1 abs.

Mayor Abraham Wieder declared the Resolution adopted.

Certified

Gedalye Szegedin
Village Clerk

**שטאַרקער רעזאָלוציע פון קרית יואל ווילעדזש באורד אויסצודריקן פּראָטעסט קעגן שעדליכע "געמבלינג קאסינא פלאן" נעבן די "וואודבורי קאממאנס" געשעפטן-נעץ**

# אויסברייטערונג פון אַלע אָפּטיילונגען אין ״עזרת חולים העלט צענטער״ מאַרשירט פאָראויס אין פולן גאַלאָפּ

## נייער פּראַכטפולער ״פּידיעטריקס שטאָק״ אין אונטערשטן שטאָק פון צענטראַלע עזרת חולים געביידע, וועט געעפנט ווערן ביז געציילטע וואָכן - אַרבעט אויף פאַרטאָפּלטן ״דענטאַל שטאָק״ וועט נאָכפאָלגן באַלד דערויף

(פאַרזעצונג פון זייט 5)

שליט״א, באָורד טשערמאַן, וועלכע געבן זיך אַוועק צו פאַרזיכערן אַז תושבי קרית יואל געניסן פון די בעסטע געזונטהייט סערוויסעס דאָ אין שטאָט, אַז מ׳זאָל זיך נישט דאַרפן שלעפּן מיילן ווייט פאַר אַ פּראָבלעם, ס׳זאָל זיך נישט מאַכן, האָבן נישט געקענט איינרועןן אַז ס׳האַלט ביי אַ מצב וואו מ׳מוז אָפּזאָגן פון באַהאַנדלען פּאַציענטן בלויז צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

פאַריאָר האָבן קרית יואל׳ער איינוואוינער געזען פונדערנאָענט די ערשטע פּירות פון עזרת חולים׳ס שווערע האָרעוואַניע, און די פילע טויזנטער איינוואוינער שטייען און קוקן אַרויס בכליון עינים צו קענען געניסן פון די קוואַליטעט און סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט אינעם העלט צענטער.

מיט אַ פריידיג האַרץ קען מען שוין מעלדן אַז בע״ה ביז געציילטע וואָכן וועט מען קענען אַרויסזאָגן קלאָר דעם ברוך שהחיינו וקימנו, ווען דער נייער פּראַכטפולער ״פּידיעטריקס שטאָק״ אינעם אונטערשטן שטאָק פון די צענטראַלע עזרת חולים געביידע וועט זיין פיקס פאַרטיג און געעפנט ווערן פאַר׳ן פובליקום, און תושבי קרית יואל וועלן זיך קענען אַליין איבערצוגיין דעם שיין און פּראַכט און מאַיעסטעטישער אויסקוק וואָס איז אַהערגעשטעלט געוואָרן דורכ׳ן עזרת חולים לטובת די טויזנטער קינדערלעך כ״י וועלכע נוצן די ״פּידיעטריקס״ אָפּטיילונג.

אַזוי אויך וועט שוין זיין פאַרטיג דער גענצליך-נייער ספּעציעלער ״פּידיעטריקס אַריינגאַנג״ אויף די לינקע זייט פון די צענטראַלע עזרת חולים געביידע, וואָס וועט פאַר זיך זיין אַ שטאַרקער נוצן פאַר אַלע תושבים וועלכע נוצן די פּידיעטריקס אָפּטיילונג.

דורכאויס דעם ווינטער האָבן די איינוואוינער שוין געקענט האָבן אַ שטיקל בליק אויף דעם נייעם שטאָק, ווען עס איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן פאָרנט פון עזרת חולים אַ אויג-פאַרכאַפּנדע סקיצע פונעם נייעם שטאָק, ווי אויך איז דאָס אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אויף פאַרשידענע ערטער אינעם צענטער, און באַזונדער אַהיימגעשיקט געוואָרן פאַר אַלע תושבי קרית יואל צו קענען זען מיט די אויגן וואָס מ׳קען ערוואַרטן פונעם נייעם ״פּידיעטריקס שטאָק״.

פאָרט איז ״אינו דומה ראיה לראיה״, און דער שענסטער פּאַפּיר קען נישט אַראָפּמאָלן ריכטיג דעם ציכטיגן שיין און קאָלירפולער בליאסק וואָס פאַרכאַפּט יעדן וואָס קומט אַריין אין די איצטיגע טעג אין די קאָרידאָרן פון דער הערליך-צוגעשטעלטער אָפּטיילונג, און די פאָרגעשריטנסטע טעכנאָלאָגיע וועלכעס שטייט צום באַנוץ פון די דאָקטוירים און איינגעשטעלטע.

## ספּעציעלע ״עמערזשענסי שעה׳ן״ וועלן איינגעשטעלט ווערן נאך פסח אין ״דענטאל״ אפטיילונג

(פאַרזעצונג פון זייט 5)

אינדערפרי ספּעציעלע ״עמערזשענסי שעה׳ן״, פון 7:00 ביז 9:00 אינדערפרי, ווען איין דענטיסט וועט זיין דעזיגנירט אויפנעמען בלויז פּאציענטן וועלכע קומען אריין מיט עמערזשענסי צאָן ווייטאג, אויך די וועלכע זענען נישט קיין קביעות׳דיגע פּאציענטן אין עזרת חולים.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט ביז היינט אז איין גרויסער פראבלעם וואס שטערט שטארק די ווירטשאפט אינעם דענטאל אפטיילונג, איז ווען מענטשן קומען אריין פאר עמערזשענסיס מיט שטארקע צאן ווייטאג, וואס דאן מוז דער דענטיסט אים אויפנעמען, אבער דאס פארדרייט אויטאמאטיש אלע אפוינטמענטס וואס דער דאזיגער דענטיסט האט געזאלט אננעמען אויפ׳ן גאנצן טאג, און עס זענען פאראן טעג וואס ס׳קענען זיך מאכן צענדליגער עמערזשענסיס, און נאטורליך רופט זיך דאס זייער שווער אפ אויף די גאנצע אפטיילונג.

דערפאר איז ארויפגעלייגט געווארן אויפ׳ן טיש דער פלאן צו עקספערימענטירן מיט א נייעם איינפיר, אז עמערזשענסי באהאנדלונג ווערט אין די צופרי שעה׳ן דורכגעפירט דורך איין באשטימטן דענטיסט, וועלכער וועט נישט האבן קיין אפוינטמענטס באשטעלט אין די צייט נאר בלויז זיצן גרייט אין פאל עס מאכט זיך אן עמערזשענסי ח״ו.

די סערוויס וועט לויט׳ן פלאן צוגעשטעלט ווערן אויך פאר די וועלכע זענען נישט קיין קביעות׳דיגע עזרת חולים פּאציענטן אויב זיי קומען אריין מיט צאן ווייטאג, ווייל אויך די דאזיגע עמערזשענסיס האבן דעם פּאטענציאל צו פארדרייען דעם גאנצן טאג. ווי פארשטענדליך.

ווי געזאגט וועט דער נייער איינפיר זיין א פראבע, און אויב וועט זיך עס ארויסשטעלן צו ברענגען די ערווארטעטע רעזולטאטן, וועט מען בע״ה גיין פאראויס מיט דעם פראגראם.

## העפטיגע הכנות אָנצוהייבן אַרבעט אויף ״דענטאַל שטאָק״ וואָס וועט ערמעגליכן נאָכצוקומען אויסטערלישן פאַרלאַנג

### צייטווייליגע לעזונג מיט אַריינשטופּן נאָך-אַ-צימער, וואַרט אויף DOH באַשטעטיגונג

(פאַרזעצונג פון זייט 5)

שוין אונטערגענומען אַ רייע אַקטיוויטעטן וועלכע וועלן בע״ה ערלויבן אָנצוהייבן אַרבעטן מיט׳ן גאַנצן פלייס אויפ׳ן דענטאַל שטאָק אין די ערשטע מעגליכע מינוט.

אַזוי צב״ש שטייט מען שוין אין פאַרבינדונג מיט די פירמע וועלכע פּראָדוצירט די ספּעציעל טייערע בענקלעך וואָס פעלט זיך אויס פאַר אַ דענטאַל אָפּטיילונג, אַהערצושטעלן די בענקלעך און עס האַלטן ביי זיך גרייט, אַז מ׳זאָל עס קענען איבערנעמען פון זיי אין די רגע וואָס די נייע אָפּטיילונג ווערט פאַרטיג, און מ׳זאָל נישט דאַרפן וואַרטן נאָך עטליכע מאָנאַטן ביז זיי באַשטעלן און ליפערן עס אָפּ צום עזרת חולים.

נאָך אַ וויכטיגער חלק פון אַהערשטעלן אַ פּאַסיגע דענטאַל אָפּטיילונג איז די פּלאָמבינג, וואָס איז אַ קריטישער באַשטאַנדטייל פון יעדע דענטאַל דעפּאַרטמענט. און בשעת מ׳האָט געאַרבעט אויפ׳ן דאַך פון די נייע פּידיעטריקס אָפּטיילונג אויפ׳ן אונטערשטן שטאָק, האָט מען שוין גלייכצייטיג אויך געאַרבעט אויף די פּלאָמבינג פונעם צוקונפטיגן דענטאַל אָפּטיילונג אויפ׳ן ערשטן שטאָק.

אויך זיצט מען שוין אין די טעג מיט טעכניקער און דעזיינערס, וואו מ׳קלויבט אויס די פאַרשידענע נויטיגע מאַטעריאַל און מעבל וואָס וועט זיך אויספעלן צו קענען אַהערשטעלן אַ פּראַכטפולע דענטאַל אָפּטיילונג מיט אַלע צוגעהערן, אין אַ רעקאָרד שנעלקייט בע״ה.

אין די זעלבע צייט אַרבעט אויך די הנהלה גאָר פלייסיג אויפצוקומען מיט פאַרשידענע צייטווייליגע לעזונגען צום אומגלויבליכן איצטיגן מאַנגל וואָס הערשט אינעם דענטאַל אָפּטיילונג, צו קענען דורך פאַרשידענע מיטלען עטוואָס לינדערן דעם געוואַלדיגן דרוק וואָס ליגט אויף די איצטיגע דענטיסטס און געהילפן, און אַזוי קעגנקומען כאָטש מיט עפּעס דעם שטאַרקן פאַרלאַנג פון תושבי קרית יואל פאַר די געניטע דענטאַל סערוויסעס פונעם עזרת חולים.

מ׳האָט צב״ש צוזאַמגערוקט אַ רייע אָפּיסעס אין עטליכע קלענערע אָפּיסעס, טראָץ וואָס דאָס אַפעקטירט דעם שטאַב, האָט דאָס אָבער ערמעגליכט צו קענען גאָר אין נאָענטן עפּענען נאָך אַ צימער, אויף צייטווייליג, נאָך וואָס ס׳ווערט באַשטעטיגט דורך די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט, אַז דאָס זאָל כאָטש זיין אַ שטיקעלע ישועה ביז ווען מ׳וועט אי״ה קענען עפּענען דעם גאַנצן נייעם אָפּטיילונג. — די דערמאַנטע פירמע האָט שוין אָפּגעליפערט איינע פון די באַשטעלטע בענקלעך וואָס וועט גענוצט ווערן אין דאָזיגן צימער.

פאָלגט נאָך ווייטערדיגע מעלדונגען.

# קרית יואל גרייט זיך צו די אכטע הילולא פון מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע

(פאַרזעצונג פון זייט 6)

במשך השנים די קרוב לז״ך שנים וואָס דער רבי זי״ע האָט מכהן פאר געווען אַלס רב אבדק״ק פון קהלתינו הק׳, איז קרית יואל דורך פאַרשידענע זמנים, לייכטע און נישט-אַזעלכע לייכטע זמנים. קרית יואל איז זייער אַסאַך מאָל געווען דער ציל-ברעט פון פאַרשידענע גרופּעס וועלכע האָבן נישט פאַרגינען דעם שטייגענדן כח הקדושה וואָס גייט אַרויס פון די שטאָט, און מ׳האָט פּרובירט זיך צו פאַרמעסטן מיט אַלע כוחות דאָס אונטערצוברענגען ח״ו היל״ת.

די אַלע זמנים האָט דער רבי זי״ע זיך אַרויסגעשטעלט מיט׳ן גאַנצן תקיפות, אַכט צו געבן אויף די הייליגע ירושה וואָס מרן דודו רביה״ק הדברי יואל זי״ע האָט איבערגעלאָזט, און איז געשטאַנען על המשמר אַז די שטאָט קרית יואל זאל בלייבן הייליג, ערליך און אָפּגעהיטן אויף דעם אופן און אויף דעם מהלך צו וואָס דער רבי זי״ע האָט געצילט ביים מייסד זיין די שטאָט.

טאַקע דאָס האָט צוגעברענגט אַז דער רבי זי״ע מיט זיין אחריות צו אונזער שטאט, האָט ער ממנה געווען בנו הגדול מרן רבינו הגה״ק שליט״א אַלס רב אבדק״ק אין די שטאָט, ואב ובנו שראו את החידוש האָבן מרנן רבוה״ק געאַרבעט מיט כוחות עצומות אָפּצוהיטן אויפ׳ן צביון פון די שטאָט, אַז קרית יואל זאל פאַרבלייבן א מעוז ומגדל פאר חסידישע אידן צו קענען צו זיין אָפּגעהיטן פון די שרעקליכע איבלען פון די גוי׳שע גאס אַרום, און בעיקר אַז קרית יואל זאל ווייטער בליען און שטייגן אַלס עיר גדולה לאלקים, ווי עס איז ב״ה טאַקע אויסגעשטיגן כפי רצון קדשו פונעם מייסד הקרי׳ מרן רביה״ק הדברי יואל זי״ע.

דאָס חביבות וואָס דער רבי זי״ע האָט געהאַט צו קרית יואל האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעזען ווען עס זענען אַריינגעקומען בקודש פנימה די פני וראשי קהלתינו הק׳, די ראשי ומנהלי המוסדות, און די עומדים בראש קריתינו הק׳, מיט וויפיל חביבות, און מיט וואָס פאר א מאור פנים דער רבי זי״ע פלעגט זיי אויפנעמען. ממש אין די בחינה פון ״ותחי רוחו״ איז געווען ווען איינער פון די קרית יואל׳ער ראשי הקהלה איז אַריינגעקומען צום רבי׳ן. צורת קדשו האָט ממש אויפגעשיינט מיט אַן אור עליון, און עס האָט זיך געשפּירט בחוש דעם געוואַלדיגן הכרת הטוב וואָס דער רבי זי״ע האָט צו די ראשי הקהלה והקרי׳.

אַצינד ביים זיך גרייטן צו די אכטע הילולא פון רבי׳ן זי״ע וואָס געפאַלט שבת קודש פרשת קדושים הבעל״ט וועלן תושבי קרית יואל צוזאַמען מיט טויזנטער סאַטמאַרער חסידים איבער די וועלט, מעלה זיין זכרונו הבהיר, און וועלן פראַוועןן די הילולא קדישא בצל קדשו פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

ווי אין די פריערדיגע יאָרן, ווערט דאָס יאָר ווייטער אַריינגעלייגט גרויסע כוחות דורך די חברה קדישא און עסקני קהלתינו הק׳, ווי אויך די פּובליק סעפטי און אַנדערע באַאַמטע אויפצונעמען די טויזנטער אידן פון אַנדערע מקומות, וועלכע וועלן אין די טעג אַרום די הילולא קומען צו פאָרן קיין קרית יואל לרגל ההילולא פון רבי׳ן זי״ע. פרייטאָג ערש״ק מיטאָג צייט, און בעיקר מוצאי שבת און זונטאָג איבער׳ן טאָג וועלן די פּאָבליק סעפטי באַאַמטע פּאַטראָלירן דעם טראַפיק אַרום דעם ציון הק׳, כדי צו קענען אויפנעמען די טויזנטער אידן, און דאָס זעלבע מוצאי שבת וועט דער פּאַרקער אויף די גארפילד רד. גאס פּאַטראָלירט ווערן די פּובליק סעפטי, וועלכע וועלן דירעקטירן די טויזנטער אנ״ש פון אומעטום וואָס זענען ערוואַרטעט מיטצוהאַלטן די צענטראַלע סעודת הילולא וואָס וועט אָפּגעראָכטן ווערן אין ביהמ״ד הגדול ביים עריכת השולחן פון מרן רבינו הגה״ק שליט״א.

עס איז דער האָפענונג אַז די תפלות ישראל במשך די ימי ההילולא וועלן עושה רושם בשמי מעלה משפיע צו זיין פאַר אידישע קינדער כל מיני ישועות, ומה כאן עמד ושימש וואָס דער רבי זי״ע האָט זיך אַוועקגעגעבן מיט אַזויפיל כוחות פאר די שטאָט קרית יואל, וועט ער דאָרט בגנזי מרומים ווייטער מליץ יושר זיין פאַר די שטאָט, משפיע צו זיין פאַר יעדן איינעם בכלליות ובפרטיות כל מילי דמיטב, ובפרט אַז די שטאָט זאָל זיך ווייטער פירן אונטער די רוחניות׳דיגע הנהגה פון ממשיך דרכו מרן רבינו הגה״ק שליט״א עדי נזכה בקרוב לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו בראשינו אמן.

# הערליכער אויג-פארכאפנדער "פידיעטריקס שטאק" ווערט פארענדיגט ארייננצוגיין בקרוב אין דינסט - וועט זיין אויסגעשטאט מיט טייערסטע עקוויפמענט און מאדערנסטע טעכנאלאגיע



















# הערליכער "רוח החיים-קינדער פּאַרק" גרייט זיך צו עפענען אירע טויערן פאַר צווייטן זומער-סעזאָן, מיט סעריע פון שפּאָגל-נייע שפּילצייג איינריכטונגען

**באַזונדערער "זיפּ-ליין אַפּאַראַט" אינסטאָלירט אין "מיידל שפּיל-פּלאַץ" צו פאַרשטערקערן וויכטיגע גדרי הצניעות - שעות און סדרים וועלן ווייטער אָנהאַלטן גענוי ווי אין ערשטן זומער-סעזאָן**

(פאַרזעצונג פון זייט 1)

דעם כח הקדושה במחנינו און מחזק זיין די גדרי הצניעות אויף וועלכע דער הייליגער שטעטל איז מתחלה געבויעט געוואָרן דורך מרן רביה"ק זי"ע און ווערט ווייטער געפירט דורכ'ן כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

דאָס האָט געפירט אַז די הנהלת הקריה האָט אונטערגענומען אַ רייע מיט פרישע איינריכטונגען, און דורכאויס די פאַרגאַנגענע עטליכע ווינטער-מאָנאַטן זענען צוגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ סעריע פון סאָפיסטיקירטע און טייערע שפּילצייג אַפּאַראַטן, אַז עס זאָל זיין גענוג פון אַלע סאָרטן איןביידע אָפּטיילונגען פונעם פּאַרק, וואָס דאָס וועט פאַרמיידן אַז די גדרי הצניעות זאָל חלילה געבראָכן ווערן..

באַזונדער איז צוגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ "זיפּ-ליין אַפּאַראַט", וואָס דער שפּילצייג האָט זיך אַרויסגעשטעלט אינעם פאַרגאַנגענעם זומער אַלס איינע פון די שטאַרקסטע אַטראַקציעס פאַר די קינדער פון אַלע יאָרגענג, און אַזויווי דער "רוח החיים" האָט נאָר פאַרמאָגט איינס אַזאַ אַפּאַראַט, האָט דאָס געשאַפן אַ געדרענג און אַ צומישעניש, פון די פילע קינדער וועלכע האָבן געוואַרט צו קענען האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו גליטשן אויפ'ן "זיפּ-ליין".

דערפאַר האָט די הנהלה נישט אָפּגעשוינט קיין געלט און צו היי-יעריגען סעזאָן איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך אַ "זיפּ-ליין" ביים אַנדערן ווינקעל פונעם "רוח החיים", וואו די מיידלעך וועלן קענען נוצן דעם אָפּגעזונדערטן שפּיל-אַפּאַראַט, און צו דער זעלבער צייט וועט דאָס פאַרלייכטערן דעם געדרענג ביים ערשטן "זיפּ-ליין", צו די צופרידנהייט פון די חשוב'ע קינדער און עלטערן.

כמעשהו בראשון, רישט זיך די הנהלה און די פּאַרק ווירטשאַפט, אונטער די געטרייע אָנפירערשאַפט פון די ווילעדזש "פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט", אויפצונעמען די פילצאָליגע קינדער מיט זייערע עלטערן, און אַקאָמאַדירן די געברויכן פון יעדן באַזונדער אויפ'ן בעסטן שטייגער וואָס איז מעגליך, סיי אין די בעפאָרשטייענדע "חול המועד" טעג און דורכאויס דעם גאַנצן זומער, מיט דער האָפנונג צו קענען אָפּצייכענען נאָך אַ געלונגענעם זומער, וחפץ ה' בידם יצליח.

גלייכצייטיג טוט דער רוח החיים ווירטשאַפט מעלדן אַז די שעות וועלן אָנגיין אויף די זעלבע צייטן ווי פאַריאָר. פאַר פּונקטליכע אָנווייזונגען איז אייביג ראַטזאַם אַריינצורופן דעם ספּעציעלן גרינגען טעל. נומער 845-774-PARK. אויף דעם נומער קען מען אויך הערן אויב עס מאַכט זיך סיי וועלכער טויש אינעם סקעדזשועל צוליב שווערע וועטערס, אָדער אַנדערע וויכטיגע מעלדונגען.

אַ געזונטן און פריילכן זומער.











**שפאגל נייע שפילצייג אפאראטן געווארן אינסטאלירט אינעם "מיידל שפיל-פלאץ" צו פארשטערקערן גדרי הצניעות**

# וויכטיגע אָנווייזונגען צום בעפאָרשטייענדן זומער הבעל"ט

(פאַרזעצונג פון זייט 31)

טרעפן דעם וועג צוריק אַהיים. עס איז גאָר וויכטיג אַריינצונייען נאָמען-און-אַדרעס "לעיבלס" אין די קינדער'ס קליידונג, וואָס דאָס העלפט נישט נאָר פאַר די פשוט'ע זאַך אַז מ'זאָל נישט פאַרלירן די קליידונג און וועש, נאָר אויך אין פאַל אַ קליין קינד ווערט פאַרלוירן און דערשראָקענערהייט קען ער נישט ענטפערן וואו ער וואוינט א.ד.ג., קען מען קוקן אויף די לעיבלס און אַהיימרופן צו די עלטערן.

באַזונדער איז וויכטיג אַז אויב האָט מען אין די זומער-מאָנאַטן, צי אויף אַ שבת אָדער אויף יו"ט, געסט פון דער שטאָט, זאָל מען אויסלערנען פאַר די קינדער דירעקציעס פונעם הויז צו די וויכטיגע ערטער, ווי בתי מדרשים, שאַפּינג צענטער א.ד.ג., ווייל אַז נישט קענען די קינדער בלאָנדזשען, וואָס איז אַ שרעקעדיגע מיטמאַכעניש סיי פאַר'ן קינד און אוודאי פאַר די עלטערן פונעם קינד.

צום לעצט איז אוודאי וויכטיג צו געדענקען דער ענין פון "העלמעטס", אויף וואָס די חברה הצלה וואָרנט כסדר אַז מ'זאָל חס ושלום נישט לאָזן קינדער פאָרן אויף בייקס אָן די העלמעטס, וועלכע האָבן זיך שוין עטליכע מאָל אַרויסגעשטעלט אַלס אַ לעבנס רעטער בחסדי השם. עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן אַז אָנטאָן העלמעטס איז נישט נאָר וויכטיג אויב מען פאָרט אויף די סאָרט בייקס פון וועלכע מען קען גרינג אַראָפּפאַלן, וואָס דערויף איז דאך דאָ אַ קלאָרער פסק הלכה און איסור פון הגאון הדומ"ץ שליט"א, נאָר אפילו אויף די קלענערע קינדער-בייקס, איז לעבנסוויכטיג אָנצוטאָן העלמעטס בשעת'ן פאָרן.

# קרית יואל אָטעמט אָפּ ווען "סיוויל ליבערטי יוניאָן" גיט אויף לעגאַלן קאמפ קעגן דעם חומת הצניעות אינעם נאָבעלן "רוח החיים-קינדער פּאַרק"

(פאַרזעצונג פון זייט 3)

ווירטשאַפט, וואָס אַזאַ זאַך איז גענצליך אויסגעהאַלטן און באַרעכטיגט און ברויך זיין באַשיצט אונטער די קאָנסטיטוציע אַלס רעליגיעזע פרייהייט.

נאָכדעם וואָס די "עי. סי. על. יו." פאָרשטייער האָבן איינגעזען אַז עס לוינט נישט פאַר זיי ווייטער צו שפּינען די קלאַגע, נישט טרעפנדיג קיין גרונדן אויף וואָס אַ ריכטער זאָל טרעפן עפּעס אומגעזעצליך, האָבן זיי באַשלאָסן פאָרצושלאָגן אַ שליכטונג, אַז אויב דער ווילעדזש זאָל זיי באַצאָלן צוואָנציג טויזנט דאָלאַר אין לעגאַלע קאָסטן וואָס די קלאַגע האָט זיי אָפּגעקאָסט ביז אַהער, זענען זיי גרייט זיך אַרויסצוציען פונעם קלאַגע און לאָזן תושבי קרית יואל במנוחה ושלוה.

כאָטש דער ווילעדזש האָט געוואוסט אַז פון איר זייט קען דער קעיס אָנגיין רואיג און וואַרשיינליך וועט דער ריכטער סיוויי אַרויסוואַרפן די קלאַגע, דאָך וואָלט די קלאַגע למעשה אַריינגעצויגן דעם ווילעדזש און די שטייערצאָלער אין ווייטערדיגע קאָסטן, איז דער ווילעדזש צוריקגעקומען מיט אַ קאָנטער-אָפּער צו באַצאָלן דריי טויזנט דאָלאַר לעגאַלע קאָסטן אויב איז די "עי. סי. על. יו." גרייט אָפּצולאָזן די קלאַגע.

נאָך אַ צייט פון באַראַטונגען האָט די "עי. סי. על. יו." אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, און צוגעלייגט אַ תנאי אַז פאַר די קומענדיגע דריי זומערס זאָלן צוויי פאָרשטייער פון די "עי. סי. על. יו." באַקומען ערלויבעניש צו קומען באַזוכן דעם פּאַרק איינמאָל דורכאויס דעם זומער, זיך אַליינס איבערצוצייגן אַז די רעכטן פון די פּאַרק באַנוצער ווערן טאַקע נישט פאַרלעצט, און דאָס וואָס תושבי קרית יואל האַלטן זיך צו די גדרי הצניעות, איז גענצליך פרייוויליג, מרצונם הטוב. מפּני דרכי שלום האָט דער ווילעדזש באַשלאָסן מסכים צו זיין אויך צו דעם, און דער הסכם איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פאָרשטייער פון ביידע צדדים מיטן באַשטעטיגונג פונעם ריכטער.

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

## ישלם ה׳ פעלך עד זקנה ושיבה

**פי**לע יארן געארבעט פאר די טויזנטער תושבי קרית יואל אזוי געטריי און איבערגעגעבן
**די** בעסטע סערוויס צוגעשטעלט, זיך אוועקגעגעבן פאר יעדן פאציענט מיט׳ן לייב און לעבן
**עט**רת פז, א כתר שם טוב זיך ערווארבן נאך לאנגע יארן באדינען אונזערע פאציענטן אזוי געטריי
**רי**יכע יארן ערפארונג און עקספערטיז האבן אים געהאלפן אויף טריט און שריט, להחיות נפש כל חי
**ק**אלאסאלער **ס**וקסעס ווינטשן מיר אים דעריבער ביז משיח׳ס טאג, ברכה והצלחה עד בלי די

ה״ה אונזער לאנגיאריגער
און געטרייער קינדער דאקטאר

# דר. זשעפרי קאפלאן הי״ו

## Jeffery Kaplan, MD



**וועלכער האט פאר די לעצטע 10 יאר ארויסגעהאלפן אומצאליגע משפחות אלס קינדער דאקטאר אין אונזער "פידיעטריקס" אפטיילונג אצינד גייט ער רעטייערן קומענדיגן APRIL 30**

אין נאמען פון טויזנטער קרית יואל׳ער משפחות וועלכע האבן גענאסן פון זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנהייט ווינטשן מיר אים פון טיפן הארצן ברכה והצלחה אין אלע זיינע וועגן, און ער זאל זען רב ברכות ושובע שמחות און זוכה זיין צו עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים מיט הרחבת הדעת וכל טוב עד כי יבא שילה בב״א.

### המאחלים ברכה מעומק לבינו, בשם כל תושבי עירנו

# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382


אדיר הוא
יבנה ביתו
בקרוב
והראינו
בבנינו
בנין תלמוד תורה
שמחת
יום טוב
לקראת חג הפסח זמן חרותינו משגרים אנו מיטב ברכותינו
לכבוד ידידינו היקרים
תומכים ונדבנים שיחיו
הנוטלים חלק בבניית בית הגדול והחדש לה' ולתורתו בק"ק קרית יואל יצ"ו
Fine Design

ואת עמלינו אלו הבנים, ואת לחצינו זו הדחק:

# גיגאַנטישער בנין תלמוד תורה החדש והמפואר גאַלאָפּירט מיט ערנסטע בוי־פּראַגרעס, מבית ומבחוץ

**מבית: העפטיגע אַרבעט, איבער אַלע שטאָקן פונעם בנין, פון עלעקטעריק/פלאָמבינג/עירקאָנדישאָן/ספּרינקלער סיסטעם - ומבחוץ: געביידע ווערט איבערגעדעקט און באַצירט מיט פּראַכטפולע ציגל און פענסטער, כראוי לבית ה' - שאו ידיכם קודש: גרויסאַרטיגער קרן הבנין קאַמפּיין "והראינו בבנינו" וועט פּראָקלאַמירט ווערן גלייך נאָך פסח, אַריינצונעמען דעם גאַנצן ציבור אַלס שותפים אינעם בנין מיט לכה"פ זכות "בוני הבית", 1,800 דאָלאַר**



ביים אנהויבן לייגן די ציגל מאחורי הבנין



די ארבייט ביי די פלאמבינג



די ארבייט ביים אינסטאלירן די עלעקטעריק

(פאַרזעצונג פון זייט 3)

באַשטייט פון פיר גיגאַנטישע שטאָקן, און וועט אַנטהאַלטן 48 הערליכע לופטיגע קלאַסן, 2 פּראַכטפולע בתי מדרשים, 3 עס-זאַלן, און אויפ'ן אונטערשטן שטאָק דער צענטראַלער בית התבשיל פאַר אַלע פליגלן פון די מוסדות.

טראָץ די ריזיגע געפאָדערטע סכומים וואָס מ'דאַרף כסדר אויפקומען צו קענען אָנגיין מיט'ן פּראָיעקט, לייגט אַריין די הנהלה די מאַקסימום כוחות אַז די אַרבעט זאָל אָנגיין אומגעשטערט און מאַרשירן פאָראויס אין פולסטן שוואונג, כדי צו קענען וואָס אַמשנעלסטן אַריינברענגען הרחבת הדעת אין אַלע אָפּטיילונגען פון תלמוד תורה און גלייכצייטיג ערמעגליכן פרישע פּלאַץ צו קענען פּלאַצירן די נאָכאַנאַנדע וואוקס פון קינדער און נייע קלאַסן בליעה"ר.

פאָלגנד איז אַ דעטאַלירטן רעפּאָרט איבער די העפטיגע בוי-אַרבעט אין די יעצטיגע וואָכן אויף דער קאָנסטרוקציע זאָנע:

### בחומר ובלבנים:

## ציגל!

ווי נאָר דער קאַלטער ווינטער-סעזאָן איז פאַראיבער, ועת הזומע"ר הגיע, מיטן אָנקום פון די מער וואַרימע וועטערס, האָט מען זיך באַלד צוריק גענומען צו די העפטיגע אַרבעט אינדרויסן פונעם בנין, איבערצוציען דעם בנין מיט פּראַכטפולע ציגל כראוי לבית ה', וואָס אויסער דעם וואָס דאָס גיט צו צום פּראַכט און שיינקייט פונעם הערליכן בנין, העלפט דאָס אויך שטאַרק אַרויס פאַר די דויערהאַפטיגקייט פונעם בנין.

בעפאָר'ן לייגן די ציגל ווערט דער בנין באַדעקט מיט אַ דיקע אינסעלעישאָן, געצילט גוט צו סיעלן דעם בנין דאָס צו האַלטן באַשיצט פון די דרויסענדיגע ווינטן און קעלט אום ווינטער, און דאָס זעלביגע זומער, צו האַלטן קיל דעם בנין אינעווייניג, וואָס דאָס שפּאָרט עווענטועל פון די טייערע הייצונג און עלעקטעריציטעט קאָסטן.

ווי געזאָגט, גייט אָן די אַרבעט העפטיג צו פאַרענדיגן די גאַנצע ציגל-ווערק בקרוב. בסך הכל ווערט טעגליך געלייגט צווישן 5 און 7 טויזנט ציגל!

### צהר תעשה לתיבה:

## פענסטערס!

אַלס אינטעגראַלער טייל פון די לעצטע שטאַפּלן צו פאַרענדיגן די דרויסנדיגע אַרבעט אויפ'ן בנין, האָט מען זיך נאָרוואָס גענומען צו די אַרבעט פון אינסטאָלירן די הערליכע גרויסע פענסטער אויפ'ן בנין. אַ ספּעציעלער דגוש איז געלייגט געוואָרן אינעם דעזיין פונעם בנין, אַז די חדרים און בתי מדרשים זאָלן ספּעציעל זיין אויסגעשטאַט מיט גענוג פענסטער, וואָס דאָס ברענגט אַריין אַ ליכטיגקייט און גיט אַסאַך צו צו די ליכטיגע אַטמאָספערע ביים לערנען און דאַווענען.

יעדע וואָך קומט אָן אויפ'ן סייט אַ גרויסע שיפּמענט פון פענסטער, פון פאַרשידענע סייזעס, קאָסטום צוגעשטעלט פאַר אַלע-ערליי צימערן פונעם בנין. די פענסטערס זענען ספּעציעל פון אַ שטאַרקן מאַטריאַל, און געבויעט צו קענען פאַרנעמען די שטאַרקע ווינטן אויף די העכערע שטאָקן פונעם בנין, און דאָס זעלבע פאַרמאָגן די פענסטער ספּעציעל דיקערע שיכטן צו האַלטן דעם בנין געסיעלט פון קעלט און היץ, זומער און ווינטער.

לויט'ן פּלאַן וועט די אַרבעט אויף די פענסטער פאַרענדיגט ווערן באַלד נאָך פסח אי"ה.

### יוצר המאורות:

## עלעקטעריק!

אין די זעלבע צייט וואָס יעדער זעהט די אָנגייענדע אַרבייט פונדרויסן, ווירבלן אַלע פיר שטאָקן מיט אַרבייטער פון אינעווייניג, וועלכע אינסטאָלירן די פאַרשידענע וויכטיגע יוטיליטיס צום באַנוץ פונעם בנין, צווישן אַנדערס: עלעקטעריק!

אויפ'ן דריטן און פערטן שטאָק גייט אָן די אַרבעט צו אינסטאָלירן עלעקטעריציטעט, צו קענען באַלייכטן דעם ריזן בנין און צושטעלן אַלע אַנדערע וויכטיגע עלעקטרישע באַדינגונגען. די עלעקטרישע אַרבייט ווערט געמאַכט פּאַכמאַניש אויף אַ קאָמערציעלן שטייגער, און באַגלייט מיט אַלע זיכערהייט מאָסנאַמען, וואָס פאַרלאַנגט זיך אין אַזאַ מעכטיגן בנין וואָס וועט בעזהשי"ת אַריינגעמען אין זיך טויזנטער קינדער.

אויך דאָ ווערט די אַרבייט געטאָן געשווינד, און לויט ווי די פּלענער לויטן וועט די עלעקטריציטעט אויף די אויבערשטע שטאָקן פונעם בנין זיין פאַרטיג אין די וואָכן נאָך יום טוב הבעל"ט.

### מצאנו מים:

## פלאָמבינג!

גלייכצייטיג גייט שוין אויך אָן די אַרבעט אַריינצוציען די פלאָמבינג אינעם בנין. מאָמענטאַל קאָנצענטרירט מען זיך אויף די ערשטע 2 שטאָקן, וואו דאָרט ליגט די מערהייט פון די אַרבייט, נעמענדיג אין באַטראַכט דעם ריזיגן צענטראַלן קיך וואָס וועט דינען אַלס אַלגעמיינער "בית התבשיל" פאַר אַלע אָפּטיילונגען פון דער מוסדות הקדושים.

אַזאַ אַפּאַראַט פאַרלאַנגט ספּעציעלע פלאָמבינג איינריכטונגען צו קענען פאַרנעמען אַ קאָמערציעלע באַנוץ פון וואַסער און סוער, וואָס דאָס איז אויסער די געוועגליכע וואַסער און סוער איינריכטונגען מיט וואָס אַזאַ ריזיגער בנין דאַרף ווערן אויסשטאָפּירט אויף אַלע שטאָקן.

ווי נאָר די פלאָמבינג אַרבייט אויף די אונטערשטע שטאָקן וועלן זיין קאָמפּלעט, וועט מען זיך נעמען צו די העכערע שטאָקן אינעם בנין. עס איז דירעקט אַזוי אויסגעשטעלט געוואָרן דער בוי-סקעדזשועל, אַז די פלאָמבינג און עלעקטעריק אַרבעט זאָלן נישט אָנגיין אויפ'ן זעלבן אָרט אינאײנעם, כדי מ'זאָל קענען אַרבעטן פאָרזיכטיג און רואיג אויף אַלע פראָנטן אין די זעלבע צייט און נישט ווערן געשטערט פון אַנדערע אַרבייט פערסאָנעל, אַזוי אַז ווען די עלעקטעריק אַרבעט גייט אָן אויפ'ן אויבערשטן חלק בנין, פירט מען דורך די פלאָמבינג אַרבעט אויף די אונטערשטע חלקים, און דאָס זעלבע פאַרקערט.

### ויוצא רוח מאוצרותיו:

## עירקאָנדישאָן!

אַ באַזונדערע פאַרצווייגטע אַרבעט איז דאָס אינסטאָלירן און ציען דעם מעכטיגן עירקאָנדישאָן סיסטעם איבער אַלע שטאָקן מיט אירע חדרים/עס-זאַלן/בתי מדרשים וכדו'.

גענוי ווי די הייצונג אום ווינטער, איז די קילונג פון עירקאָנדישאָן גאָר וויכטיג אין די זומער-מאָנאַטן לתועלת התלמידים, צו ערמעגליכן אַז די חשוב'ע מלמדים מיט די קינדער זאָלן קענען רואיג זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת. אָבער עס פאַרשטייט זיך אַז אָפּצוקילן אַזאַ בנין איז נישט פון די גרינגע זאַכן, דערפאַר ברויך די עיר-קאָנדישאָן סיסטעמען ווערן געמאַכט זייער פּראָפעסיאָנאַל, מיט די ריכטיגע מכשירים און טייערע צוגעהערן, אַז די לופט זאָל איבעראָל צוקומען און האַלטן אַ באַלאַנצירטן טעמפּעראַטור לענגאויס דעם בנין.

אויסער די מאַכטפולע מאַשינען וואָס וועט עווענטועל אַרויפגעשטעלט ווערן אויפ'ן דאַך פונעם בנין, ווערן אין די טעג אַרומגעצויגן די בלעכענע "דאָקטס" וואָס פאַרשפּרייט די לופט איבער'ן בנין. אויך ווערן אַריינגעלייגט די באַזונדערע "ריטוירנס" וועלכע

דינען אַרויסצוציען און פילטערן די שטיקעדיגע לופט וואָס זאַמלט זיך אין אַ פאַרמאַכטן בנין.

די עירקאָנדישאָן אַרבעט גאַלאָפּירט אין פולן טעמפּאָ, ובקרוב וועט מען אויף דעם אויך קענען זיין מברך על המוגמר.

**מוצל מאש:**

## ספרינקלער סיסטעם!

אין די קייט פון די העפטיגע אַרבעט אויף די אינעווייניגסטע חלקים פונעם בנין, ווערט אויך אָנגעזען די אַרבעט פון אינסטאָלירן די לעבנסוויכטיגע ספרינקלער סיסטעמען אויף אַלע שטאָקן אינעם גיגאַנטישן בנין.

דער ספרינקלער סיסטעם פאַרלאַנגט זיך לויט די רעגולאַציעס אַלס סעיפטי און זיכערהייט על כל צרה שלא תבוא, צו העלפן אָפּראַטעווען דעם בנין און צייטליך באַשיצן פון אַ מעגליכע פייער ח"ו. דאָס נעמט אַריין דאָס ציען באַזונדערע שטאַרקע פייפס אויף די דעכער פון אינעווייניג פונעם בנין, און באַזירט אויף די רעגולאַציעס ווערן צוגעשטעלט די "ספרינקלער העדס" ביי יעדע עטליכע פיס, אַזוי ווי עס פאַרלאַנגט זיך פאַר אַזאַ ברייט-באַנוצטער בנין בעזהשי"ת.

**כותלי ביהמ"ד יוכיחו:**

## קומענדיגע פאַזע: פעינטן און טיילס!

דער בוי-פּלאַן לויטעט, אַז ווי נאָר געוויסע טיילן פונעם בנין וועלן פולקאָם פאַרענדיגט ווערן מיט די נויטיגע אינסטולאַציעס, וועט מען זיך נעמען דאָס אָנהויבן פאַרבן און גענצליך פאַרפולקאָמען דעם אינעווייניגסטן געשטעל פון די הערליכע חדרים און צימערן, ווי אויך די ליכטיגע בתי מדרשים און עס-זאַלן וכדו'.

דערנאָך וועט נאָכפאָלגן די אַרבייט פון אינסטאָלירן די טיילס אין די קאָך און אין אַלע אַנדערע פלעצער, צו פאַרפולקאָמען דעם פּראַכטפולן "אינטעריואר דעזיין" פונעם בנין, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ בית הגדול שמגדלין בו תורה ותפלה אויף אַזאַ מאַסשטאַבליכן פאַרנעם.

**אם אין קמח אין תורה:**

## "והראינו בבנינו קאַמפּיין"

ווי אין די פאַרגאַנגענהייט רישט זיך די הנהלה אויף באַלד נאָך יום טוב הבעל"ט דורכצופירן דעם גרויסאַרטיגן "והראינו בבנינו קאַמפּיין", צו געבן נאָך אַ געלעגנהייט פאַר די חשוב'ע עלטערן און תומכים צו נעמען אַנטייל און זיך איינקויפן אַ זכות לנצח נצחים דורכ'ן ווערן אַ שותף אינעם בנין המפואר, לכה"פ מיט'ן זכות פון "זכות בוני הבית", פאַר'ן סכום פון 1,800 דאָלאַר.

די וואַרעמקייט צו נעמען אַ חלק אין אַזאַ דבר נשגב, לנו וזרעינו ולדורתינו, שפּירט זיך אין די לופטן, וואָס ווי די עסקנים געבן איבער, קומען כסדר אַריין רופן פון נדיבים בעם, וואָס אַ גרויס חלק באַשטייט פון דורכשניטליכע בעה"ב ואברכים מיעוטי היכולת, איינצוקויפן אַ נצחיות'דיגן שותפות אין אַזאַ הייליג בנין פון וועלכן עס וועלן בעז"ה אַרויסקומען אַזויפיל תורה ועבודה מהבל פיהם של אלפי תשב"ר.

עס בלייבט טאַקע איבער צו וואונטשן און מתפלל זיין, "אדיר הוא יבנה ביתו בקרוב, וכשם שזכינו לסדר אותו," — אַזוי ווי מ'איז אָנגעקומען ביז אַהער, "כן נזכה לעשותו," — אַזוי זאָל מען זוכה זיין צו שפּרייזן פאָראויס מיט הצלחה און סייעתא דשמיא, און בקרוב דערלעבן לברך על המגומר און אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע בנינים נקבע ווערן אין ארץ ישראל בביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו, בעגלא ובזמן קריב.

והראינו בבנינו ושמחינו בתיקונו!


VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- פובליק סעיפטי דעפארטמענט -

**אריינטרעטנדיג אין די זומער חדשים, אפעלירן מיר צום חשוב'ן עולם זיך צו האלטן צו די פאלגענדע פונקטן:**

- מען זאל דרייוון גלאסן אין שטעטל, צוליב די פילצאליגע קינדער בליעה"ר וואס געפינען זיך אויף די גאסן.
- **מען זאל איינהאלטן אלע טרעפיק רעגולאציעס, איבערהויפט בנוגע טרעפיק לייטס און סטאפ סיינס.**
- מ'זאל נישט פארקן אויפ'ן ראוד ווייל ס'איז א גרויסע סכנה.
- **מען זאל נישט רעדן אויפ'ן סעלפאון ווען מען דרייווט. דער טעלעפאן האט שוין גורם געווען אסאך אומגליקספאלן ה"י. עס איז א סכנה, און נישט אויסגעהאלטן לויטן געזעץ.**
- מען זאל זיין געווארענט נאר צו גיין אויפן סיידוואק, ווייל עס איז שווער פאר דרייווערס צו זעהן בייננאכט די פיסגייער. עלטערן זאלן שטרענג אנזאגן די קינדער דערויף. אזוי אויך פרויען מיט קערידזשעס זאלן נישט גיין אויף די ראודס נאר אויפ'ן סיידוואק.
- **מען זאל בשום אופן נישט פרובירן צו פעסן קארס אדער טראקס א.ד.ג.**
- מען זאל קיינמאל נישט איבערלאזן א קינד אליין אין א קאר אפי' אויף א מינוט, עס איז א סכנה, און ווערט פארעכנט פאר א "טשיילד אביוז" ח"ו.

**לעצטנס איז אריינגעקומען מערערע קאמפלעינטס איבער אומ-אחריות'דיגע דרייווער וועלכע פארקן די קארס אויפ'ן סיידוואק, דאס איז אומלעגאל, און עס שטעלט ח"ו אין געפאר די פיסגייער**

**געדענקט! יעדער יחיד איז מחויב אויסצופאלגן אלע געזעצן פון דרייוון, און אלע אנדערע זיכערהייט באווארענונגען, דאס איז נישט געמאכט געווארן אפצוטאן דעם מענטש נאר פאר די אייגענע זיכערהייט בס"ד**

**א געזונטן זומער**

**די פובליק סעיפטי דעפארטמענט**




**הערליכער בילד נאכן פארענדיגן די ציגל מאחורי הבנין**



**די ספעציעלע גרויסע סוער אפלויף**



**ביים ארויף ברענגען די ציגל**



**ביים לייגן די ספעציעלן "פאום ספרעי" צו האלטן די בניןווארעם**


KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
טראנספארטאציע דעפארטמענט
וויכטיגע טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען
אריינטרעטנדיג אין די זומער חדשים, ווען די קינדער געפונען זיך מער אויף די גאסן, אפעלירן מיר צו די חשוב'ע עלטערן אנצוזאגן די קינדער אויף די פאלגענדע פונקטן:
קינדער זאלן ח"ו נישט שפילן אדער גיין אויף די ראודס נאר אויפ'ן סיידוואק.
ווען עס פאלט ארויס א שפילצייג אויפ'ן ראוד זאל מען עס ח"ו נישט נאכלויפן אן די אויפזיכט פון אן ערוואקסענעם.
אפי' ווען מען פארט מיט א "ביגוויל" אויפ'ן סיידוואק זאל מען אויך נישט פארן ווילד נאר געלאסן.
בפרט זאל מען זייער אכטונג געבן אין די געגנטער וואס זענען אויף בערג, אז די קינדער זאלן ח"ו נישט אראפפארן די בערג מיט סיי וועלכע ביציקעל צוליב די גרויסע סכנה!
א באזונדערע ווענדונג צו די דרייווערס:
פארקט נישט אויפ'ן ראוד ווייל ס'איז א גרויסע סכנה.
ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט אריינשטעלן אין א סכנה אייערע אייגענע קינדער ח"ו
אז מיר וועלן טוהן אונזערע פליכטן על פי תורה, וועט השי"ת האלטן די רעכטע האנט אויף כלל ישראל, און מיר וועלן אלע האבן א געזונטן זומער
מיט שעצונג
די טראנספארטאציע דעפארטמענט

# א בליק אין קרית יואל





מעכטיגע גרוב-אפאראטן אראפגעברענגט איבערצוארבייטן דעם וואסער-קוואל נעבן ביהמ"ד הגדול ארויסצוהעלפן דעם וואסער סופליי פאר קרית יואל



ביים אינסטאלירן די נייע שפילצייג אפאראטן אינעם רוח-החיים קינדער פארק



א בליק פונדערנאנט אויף די מעכטיגע שטאלענע שטאנגען וואס זענען גרייט צו ווערן אויפגעשטעלט ביים נייעם בנין אשת חיל - אוהל פעסיל לאה



ביים אינסטאלירן דעם נייעם שבת פייפער אויפן שטח הבית החיים פאר די איינוואוינער פון די סקאנעמאנק אומגעגנט



פלאטע פון זעקס שפאגל נייע "פאבליק סעיפטי" קארס און איין גרעסערע טרעקל שטייט שוין גרייט צו באדינען תושבי קרית יואל

# א בליק אינעם מוסד שערי חמלה



א "ווילטשעיר" אדער א 'טרעקלי'? - ליינט אינעם שערי חמלה אפטיילונג




"גאלדמאן'ס קאנסטראקשען" 'ארבעטער' פארטיפט
אין זייער 'ארבעט'



ביי די יארצייט פונעם אומפארגעסליכן מענעדזשער
הרה"ח ר' דוד לייב גרינפעלד ע"ה



פלייסיגע ארבעט אין "יאסי'ס פיצא" דורך א תלמיד
פונעם מוסד הק' שערי חמלה



די תלמידים גייען מנחם אבל זיין זייער באליבטן מחנך
הר"ר חיים הערש ווייס הי"ו



די אומגלויבליכע סצענע ווי די טייערע קינדערלעך שפילן אויס מגילת
אסתר אויף גאר א הויכן שטאפל

# א בליק אינעם מוסד שערי חמלה



די גליקליכע אידישע קינדערלעך 'גייען אדורך דעם ים סוף'



דער 'ים' ווערט געשפאלטן. די 'פיש' קוקן זיך צו ווי די הייליגע טייערע נשמה'לעך גייען אריבער דעם 'קריעת ים סוף'



קוק! ס'איז געוואקסן גוטע זאכן אויף די ווענט פונעם 'ים'!



די צאן קדשים, אונטערן אויפזיכט פון דעם איבערגעגעבענעם מנהל הרה"ח ר' ידידי' פישער הי"ו, מאלן ווייץ אין די מהודר'דיגע מצה בעקעריי דקהלתינו הק', פאר די מצות וואס זיי גייען באקן





לשם מצות מצוה....

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783-9491 • TDD: 800.662.1220


**TRANSPORTATION DEPARTMENT**


**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator - Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# פסח סקעדזשועל

## תשע"ד

## פון אונזערע באסעס

### זונטאג בדיקת חמץ April 13

**לאקאלע רוט:** 11:00 ביז 5:00

**וואלמארט:** 11:00 ביז 5:15

### מאנטאג ערב פסח: April 14

**וועט נישט זיין**
**קיין טראנספארטעשאן**

### דאנערשטאג - א' חוה"מ April 17

**רוח החיים - קינדער פארק**
(דורך די וואל מארט רוט)
פון 12:00 ביז 6:45

### פרייטאג - ב' חוה"מ: April 18

**רוח החיים - קינדער פארק**
(דורך די וואל מארט רוט)
פון 12:00 ביז 3:00

### זונטאג - ערב יו"ט April 20

**רוח החיים - קינדער פארק**
(דורך די וואל מארט רוט)
פון 12:00 ביז 3:00

### מיטוואך - אסרו חג April 23

**וואודבארי קאמאנס:**
פון 12:10

**לאקאלע רוט:**
פון 12:00

**וואלמארט:**
פון 1:00

**אלע רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער סקעדזשועל**

**נ.ב. אין די טעג וואס די סקעדזשועל איז נישט ווי געווענליך איז ראטזאם אריינצורופן די ווילידזש טראנספארטאציע ליין: 783-8300 Ext. 1-4-2**

## אויפמערקזאם!

- צוליב די אנגעפילטע סקעדזשול וועט די וואדבערי קאמען באס 15: After Even hours מאכן נאר Drop offs אין עצי התמרים Area
- די וואלמארט באס 15: After Even hours מאכט נאר Drop offs אין סעקשאן 1
- ווי אויך א טרענספער פון איין באס צום אנדער'ן

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# אַפּעלאַט געריכט שלײַדערט אַרויס קלאַגע פון וואודבורי איבער סוער אָפּמאַך מיט קרית יואל

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

האָבן נאָך פרובירט צו אַפּעלירן און פריש עפענען די אַלטע קלאַגעס קעגן דעם פייפליין, אָבער דער געריכט האָט דאָס אַנידערגעשטימט און דערמיט אַרויפגעלייגט אַ שלאָס אויפ'ן פייפליין אישו, געבנדיג פאַר קרית יואל די מעגליכקייט ענדגילטיג אָנצוהייבן מיט די בוי-אַרבעט אויפ'ן מאַסיוון פייפליין פראָיעקט.

אבער אין די זעלבע צייט האָבן די אָנקלעגער געאַרבעט אויך פון אַן אַנדערן פראָנט, אַריינגעבנדיג אַ קלאַגע אין געריכט קעגן דעם סוער אָפּמאַך וואָס די קאַונטי האָט געשלאָסן מיט קרית יואל, וואָס דאָס האָט געפירט צו דעם לעצטן געווינס פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פקודי.

צו פאַרשטיין דעם געווינס איבער'ן "סוער סכסוך" וואָס איז שוין עטליכע מאָל אויסגעשמועסט געוואָרן אין די שפּאַלטענעס פון "הקריה", וועלן מיר עס איבערגיין אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר.

## דער סוער סכסוך מיט די קאַונטי

ווי באַקאַנט, איז קרית יואל איינגעשלאָסן אינעם קאַונטי סוער דיסטריקט, באַקאַנט אַלס "סוער דיסטריקט # 1" וועלכע נעמט אַריין די ווילידזשעס פון: קרית יואל, הערימאַן און מאָנראָו, און אויך אַ חלק פון טאַון אָוו מאָנראָו. לויט'ן געזעץ איז די קאַונטי פאַרפליכטעט צוצושטעלן סוער פאַר אַלע לאַנד אייגנטימער אינערהאַלב דעם סוער דיסטריקט וואָס ווילן דעוועלאָפּען זייער פּראַפּערטי, וואָס נעמט ווי דערמאַנט אַריין אויך די שטחים פון קרית יואל, אין אויסטויש פון "סוער שטייער" וואָס די אַלע פּראַפּערטי אייגנטומער צאָלן צוויי מאָל אַ יאָר.

טראָץ וואָס די קאַונטי איז פאַרפליכטעט צוצושטעלן סוער נאָר פאַר די פּראָפּערטי אייגנטימער אינעם "סוער דיסטריקט 1" וועלכע צאָלן דעם ספּעציעלן סוער שטייער, האָט אָבער די קאַונטי במשך אַלע יאָרן אויך פאַרדינגען סוער רעכטן פון צוויי מיליאָן גאַלאָן אַ טאָג, פאַר די "מודנע קאָמיוניטיס". דאָס איז אַ פאַראיין פון פינף מוניציפּאַליטעטן: אַ חלק פון טאַון אָוו מאָנראָו, טאַון אָוו וואודבורי, טאַון אָוו בלומינג גראָוו, טאַון אָוו טשעסטער און ווילידזש אָוו טשעסטער, וואָס די פינף געגנטער זענען אויך אין אָראַנדזש קאַונטי אָבער זיי זענען נישט אין די גרעניצן פונעם "סוער דיסטריקט". נאָר וויבאַלד זיי האָבן נישט קיין אייגענעם סוער סיסטעם, האָבן זיי אָפּגעדינגען סוער רעכטן פון די קאַונטי'ס סוער פּלענט.

אין די סוף 90' יאָרן, נאָכדעם וואָס עס האָט זיך געשאַפן אַן ערנסטע סוער לאַגע, און פאַרשידענע ענווייראָמענטאַליסטן האָבן געקלאָגט די קאַונטי אַז דער סוער-אָפּלויף טוט פאַרפּעסטן די אַרומיגע טייכן, האָט די פעדעראַלע געריכט געאורטיילט אַז די קאַונטי מוז צובויען צום עקזיסטירנדן סוער-פּלענט, צו קענען באַהאַנדלען נאָך צוויי מיליאָן גאַלאָן סוער פּער טאָג. די קאַונטי האָט דאַן טאַקע אָנגעהויבן מיט דער אַרבעט אויפצובויען אַ נייעם פליגל צום סוער פּלענט, וואָס קען באַהאַנדלען פרישע 2 מיליאָן גאַלאָן אַ טאָג.

אָבער דאָ האָט זיך די קאַונטי געזען מיט אַ פּראָבלעם, נעמליך אַז די הויפּט קלאַגע וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אין געריכט קעגן דעם "קרית יואל וואַסער פייפליין" איז געווען באַזירט אויף דעם אַז מען קען נישט בויען נאָך דירות ווייל עס איז נישט דאָ גענוג סוער, וואָס דאָס וועט יעצט צעגיין ווי אַ זייפן-בלאָז, נאָכ'ן קלאָר ווערן אַז עס איז יאָ דאָ גענוג סוער פאַר'ן וואוקס פון קרית יואל. דעריבער זענען זיי געקומען צו אַ באַשלוס, אַז פון די פרישע צוויי מיליאָן גאַלאָן סוער וואָס איז געוואָרן עוועליבעל, וועט בלויז איין מיליאָן גאַלאָן סוער גיין פאַר'ן סוער דיסטריקט וואָס נעמט אַריין קרית יואל און איין מיליאָן גאַלאָן וועט מען פאַרקויפן אין דער איילעניש פאַר די דרויסנדע "מודנע" קאָמיוניטיס. מיט די שריט האָט די קאַונטי געוואָלט פאַרזיכערן אַז קרית יואל וועט נישט קענען נוצן די פרישע סוער אָפּלויף מעגליכקייטן לטובת דעם אויפבוי פונעם וואַסער פייפליין.

צוזעענדיג דעם מצב איז קרית יואל געצווינגען געוואָרן צו גיין אין געריכט קעגן די קאַונטי, מיט אַ שטאַרקע טענה: ממה נפשך; אויב איז דאָ גענוג סוער אין די קאַונטי, פאַרוואָס האָט מען געקלאָגט די ווילידזש איבער'ן פייפליין? און אויב איז נישט דאָ גענוג סוער, וויאַזוי קענען זיי יעצט פאַרקויפן איבעריגע סוער פאַר "מודנע", אויפ'ן חשבון פון קרית יואל וואָס געפינט זיך אין די קאַונטי סוער דיסטריקט?

קרית יואל האָט פאַרלאַנגט אין געריכט, אַז די קאַונטי זאָל נישט קענען פאַרקויפן קיין סוער פּערמיטן פאַר פרעמדע מוניציפּאַליטעטן, איידער זיי פאַרזיכערן אַז עס איז דאָ גענוג סוער פאַר די מוניציפּאַליטעטן וואָס געפינען זיך אינעם קאַונטי'ס סוער דיסטריקט, אַריינגערעכנט קרית יואל וועלכע צאָלט אַ ספּעציעלן סוער שטייער פאַר די קאַונטי און די קאַונטי איז פאַר זיי געזעצליך פאַרפליכטעט צוצושטעלן סוער רעכטן.

דאַן איז אַרויסגעקומען דער אורטייל פונעם ניו יאָרק סטעיט סופּרים קאָורט, וואָס האָט פאַראָרדענט אַז די קאַונטי קען נישט פאַרקויפן קיין סוער פאַר אַנדערע געגענטער בעפאָר זיי פירן דורך אַ פולשטענדיגע "ענווייראָמענטאַל איבערזיכט", באַגלייט מיט אַ שטודיע וואו עס דאַרף ווערן אויפגעוויזן אַז עס איז דאָ גענוג סוער אָפּלויף בעתיד פאַר'ן באַנוץ פון די פּראָפּערטיס אינערהאַלב דעם 'סוער דיסטריקט', אַריינגערעכנט פאַר'ן באַנוץ פון תושבי קרית יואל, און נאָר אויב זיי קענען דאָס אויפווייזן, קען מען דאַן פאַרקויפן סוער-רעכטן פאַר אַנדערע דרויסנדיגע געגענטער.

די קאַונטי האָט זיך געטראָפן אין אַ שטאַרקן פּראָבלעם מיט דעם געריכט-אורטייל, ווייל פון איין זייט וואָלטן זיי געוואָלט פאַרדינגען סוער פאַר די מודנע קאָמיוניטיס צו פאַרדינען געלט דערפון, אָבער נאָך מער פון דעם האָט זיי געדריקט, דאָס אַז זי זאָל האָבן די מעגליכקייט צו פאַרקויפן סוער פאַר די "קעמפּ לאַגוואַרדיע" פּראַפּערטי.

די קעמפּ לאַגוואַרדיע באָדן האָט אַמאָל באַלאַנגט פאַר די סיטי אָוו ניו יאָרק, און שפּעטער האָט עס די קאַונטי אָפּגעקויפט, אויס-זאָרג אַז עס וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון קרית יואל. למעשה איז די קאַונטי געבליבן שטעקן מיט דעם שטח און האָט דאָס געזוכט צו פאַרקויפן פאר דעוועלאָפּערס כדי צו פּטור ווערן דערפון און צוריק פאַרדינען דאָס געלט. אָבער כדי צו קענען פאַרקויפן דעם באָדן האָט די קאַונטי זיך געמוזט פאַרפליכטן פאַר די דעוועלאָפּערס אַז זי וועט זיי צושטעלן סוער, אָבער אַצינד נאָכ'ן א.ד. געריכט אורטייל וואָלט די קאַונטי מער נישט געקענט פאַרקויפן קיין סוער פאַר די קעמפּ לאַגוואַרדיע דעוועלאָפּער.

## די שליכטונג מיט דער קאַונטי

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אינטענסיווע

Supreme Court of the State of New York
Appellate Division: Second Judicial Department

D40739
I/hu

_____AD3d_____ Argued - January 21, 2014

MARK C. DILLON, J.P.
RUTH C. BALKIN
CHERYL E. CHAMBERS
JEFFREY A. COHEN, JJ.

2012-07394 DECISION & ORDER

In the Matter of Town of Woodbury, et al., petitioners/plaintiffs-respondents-appellants, et al., petitioner/plaintiff-respondent, v County of Orange, et al., respondents/defendants-respondents, Village of Kiryas Joel, respondent/defendant-appellant-respondent.

(Index No. 6034/10)

Whiteman Osterman & Hanna LLP, Albany, N.Y. (Michael G. Sterthous and Robert S. Rosborough IV of counsel), for respondent/defendant-appellant-respondent.

David K. Gordon and James B. Bacon, New Paltz, N.Y., for petitioners/plaintiffs-respondents-appellants.

David L. Darwin, County Attorney, Goshen, N.Y. (Matthew J. Nothnagle of counsel), for respondents/defendants-respondents County of Orange, Orange County Legislature, and Orange County Sewer District Number 1.

Norton & Christensen, Goshen, N.Y. (Henry N. Christensen, Jr., of counsel), for respondent/defendant-respondent Village of Chester.

In a hybrid proceeding pursuant to CPLR article 78 to review (a) a determination of the Orange County Legislature dated February 4, 2010, accepting an amended final environmental impact statement and adopting an amended findings statement in relation to a proposed sale of wastewater treatment capacity, and (b) the alleged failure of the County of Orange to comply with the State Environmental Quality Review Act (ECL art 8) in executing an agreement dated February 19, 2010, between the County of Orange and Orange County Sewer District No. 1, and action for a

February 26, 2014 Page 1.
MATTER OF TOWN OF WOODBURY v COUNTY OF ORANGE

judgment declaring the February 19, 2010, agreement void, the Village of Kiryas Joel appeals, as limited by its brief, from so much of an order and judgment (one paper) of the Supreme Court, Orange County (Nicolai, J.), dated May 2, 2012, as granted that branch of the amended petition/complaint which was to annul the agreement dated February 19, 2010, and the petitioners/plaintiffs Town of Woodbury and Village of Harriman cross-appeal, as limited by their brief, from so much of the same order and judgment as (1) denied those branches of the amended petition/complaint which were to annul the determination dated February 4, 2010, and (2) dismissed the sixth cause of action of the amended petition/complaint as moot.

ORDERED that the order and judgment is modified, on the law, (1) by deleting the provision thereof granting that branch of the amended petition/complaint which was to annul the agreement dated February 19, 2010, and substituting therefor a provision denying that branch of the amended petition/complaint, and (2) by deleting the provision thereof dismissing the sixth cause of action of the amended petition/complaint as moot; as so modified, the order and judgment is affirmed insofar as appealed and cross-appealed from, with one bill of costs payable to the Village of Kiryas Joel by the petitioners/plaintiffs, the sixth cause of action of the amended petition/complaint is reinstated and severed, and the matter is remitted to the Supreme Court, Orange County, for further proceedings on that cause of action.

The Harriman Wastewater Treatment Plant (hereinafter the HWWTP) is located in the Village of Harriman and the Town of Woodbury. The HWWTP serves Orange County Sewer District No. 1 (hereinafter the District) and portions of neighboring communities known collectively as the Moodna Communities. The HWWTP was originally constructed in 1974 with 2 million gallons per day (hereinafter mgd) of treatment capacity. It was thereafter expanded to 6 mgd, the last expansion made in 2006. The 2006 expansion was the subject of review pursuant to the State Environmental Quality Review Act (ECL art 8; hereinafter SEQRA), by the Orange County Legislature (hereinafter the Legislature) as lead agency, which accepted and adopted a final environmental impact statement (hereinafter FEIS) and findings statement for the expansion in 2001.

By letter dated January 8, 2007, Orange County (hereinafter the County) inquired of the Moodna Communities whether they were interested in purchasing expanded capacity at the HWWTP pursuant to their proportionate allocations listed in a 1978 inter-municipal agreement. The Village of Kiryas Joel (hereinafter Kiryas Joel), which is one of the communities within the District, commenced a hybrid proceeding and action seeking to enjoin the County from entering into a contract of sale of capacity to the Moodna Communities, contending that the County had failed to determine that adequate capacity existed for communities within the District. The Supreme Court agreed and enjoined the County from selling such capacity without first complying with SEQRA, among other requirements.

While the County's appeal from that determination was pending, the County and Kiryas Joel entered into a memorandum of understanding to settle that litigation and another pending litigation in which the County had challenged Kiryas Joel's SEQRA review of a pipeline project. As part of the global settlement, Kiryas Joel drafted further reports related to its pipeline SEQRA review. The County conducted a population growth study to analyze the treatment capacity needs of the District, and amended its 2001 FEIS to incorporate its conclusions. The Legislature accepted

February 26, 2014 Page 2.
MATTER OF TOWN OF WOODBURY v COUNTY OF ORANGE

and adopted the amended FEIS and an amended findings statement on February 4, 2010.

The County and the District entered into an agreement dated February 19, 2010 (hereinafter the District Agreement), whereby they agreed to initiate specified planning procedures for a further expansion of District capacity upon the flow of the HWWTP and any other District facilities reaching 85% of design capacity. The County and the District agreed, among other things, to a timetable within which to file preliminary maps and plans for a proposed expansion with the Clerk of the Legislature, together with requests to the Legislature to set a date for a public hearing pursuant to County Law § 268 and for a resolution approving the expansion. The pending proceedings were then discontinued, and the Supreme Court's injunction vacated.

The Town of Woodbury, Village of Woodbury, and Village of Harriman (hereinafter collectively the petitioners) subsequently commenced this hybrid proceeding pursuant to CPLR article 78 to review the Legislature's approval of the amended FEIS and amended findings statement and the County's alleged failure to comply with SEQRA in executing the District Agreement, and action for a judgment declaring the District Agreement void, inter alia, due to alleged violations of SEQRA and breaches of a 1995 inter-municipal agreement. The Supreme Court granted that branch of the amended petition/complaint which was to annul the District Agreement, denied those branches of the amended petition/complaint which were to annul the Legislature's approval of the amended FEIS and amended findings statement, and dismissed the remaining causes of action and a cross claim by the Village of Chester as moot. Kiryas Joel appeals, and the petitioners Village of Harriman and Town of Woodbury cross-appeal.

The Supreme Court properly determined that the petitioners established "a demonstrated interest in the potential environmental impacts of the project" (*Matter of Town of Babylon v New York State Dept. of Transp.*, 33 AD3d 617, 618-619) and, thus, had standing to challenge the amended FEIS, amended findings statement, and District Agreement (*see Society of Plastics Indus. v County of Suffolk*, 77 NY2d 761, 774; *Matter of Village of Chestnut Ridge v Town of Ramapo*, 45 AD3d 74, 86-87).

Further, the Supreme Court properly upheld the amended FEIS and amended findings statement against the petitioners' procedural SEQRA challenges. The Legislature's determination to accept the amended documents in lieu of requiring preparation of a supplemental environmental impact statement was not arbitrary and capricious (*see* 6 NYCRR 617.9[a][7][i]; *Matter of Riverkeeper, Inc. v Planning Bd. of Town of Southeast*, 9 NY3d 219, 231, 235; *Matter of Muir v Town of Newburgh Planning Bd.*, 49 AD3d 742; *see also* 6 NYCRR 617.3[h]), and the petitioners' further procedural challenges are without merit (*see* 6 NYCRR 617.11[a]; 617.12[b]; 617.2[n]; *Matter of East End Prop. Co. No. #1, LLC v Kessel*, 46 AD3d 817, 820).

However, the Supreme Court erred in annulling the District Agreement for purported violations of SEQRA. "Although a SEQRA review is required for any 'action' taken by an agency (6 NYCRR 617.3[a]), preliminary steps in the planning of a project do not constitute such an action unless they 'commit the agency to a definite course of future decisions'" (*Matter of Palczynski v County of Herkimer*, 55 AD3d 1242, 1243, quoting 6 NYCRR 617.2[b][2]; *see Matter of East End Prop. Co. #1, LLC v Kessel*, 46 AD3d 817, 821). Contrary to the petitioners' contention, the District

February 26, 2014 Page 3.
MATTER OF TOWN OF WOODBURY v COUNTY OF ORANGE

Agreement did not commit to an expansion of the HWWTP or other District facilities. The Legislature is the only entity with the authority to commit to an expansion of wastewater treatment facilities, following public hearing and appropriate environmental review (*see* County Law § 268). The District Agreement merely commits the County Executive and/or the Administrative Head of the District to seek such approval from the Legislature in a specified time frame and with specified procedures. Accordingly, the District Agreement did not constitute an "action" pursuant to SEQRA requiring prior environmental review (6 NYCRR 617.2[b][2]; *see Matter of Palczynski v County of Herkimer*, 55 AD3d 1242; *Hudson Riv. Sloop Clearwater v Cuomo*, 222 AD2d 386).

While the petitioners further challenge the provisions of the District Agreement providing for the timing of a contemplated SEQRA review of any expansion, it would be premature to review the Legislature's future approval of any expansion pursuant to County Law § 268 for its compliance with SEQRA.

Upon annulling the District Agreement, the Supreme Court dismissed, as moot, the sixth cause of action seeking a judgment declaring the District Agreement void on the ground that it breached a 1995 inter-municipal agreement. In light of our determination, that cause of action is no longer academic. However, in the absence of a dispositive motion addressed to that cause of action seeking declaratory relief, that cause of action may not be summarily determined (*see Matter of Lake St. Granite Quarry, Inc. v Town/Village of Harrison*, 106 AD3d 918; *Matter of Rosenberg v New York State Off. of Parks, Recreation, & Historic Preserv.*, 94 AD3d 1006). We therefore reinstate the sixth cause of action, sever it, and remit the matter to the Supreme Court for further proceedings.

The remaining contentions of the County, Legislature, and District are without merit.

DILLON, J.P., BALKIN, CHAMBERS and COHEN, JJ., concur.

ENTER:

Aprilanne Agostino
Clerk of the Court

February 26, 2014 Page 4.
MATTER OF TOWN OF WOODBURY v COUNTY OF ORANGE

**פאנעל פון פיר ריכטער אינעם אפעלאט געריכט באשטעטיגן אפמאך פון די קאונטי מיט קרית יואל איבער די סוער פארפליכטונגען – פסק שטארקער געווינס אינעם אנגייענדן "פייפליין פראיעקט" און "אנעקסעישאן פראצעדור"**

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin



**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


## וויכטיגע אויפפאדערונג

**שטייענדיג אין די טעג פון יו"ט פסח**
**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן א וויכטיגן פונקט איבער די**

# פובליק סעיפטי שבת ויו"ט פאטראל

ווי שטענדיג אין אזעלכע טעג מאכט זיך ענדערש אז מען זאל דארפן נוצן די פובליק סעיפטי פאטראל. דער ווילידזש שטעלט זיך אהער אין די ימים טובים, און מען ברענגט אריין א פארגרעסערטן שטאב פון פאטראל באאמטע, און מען דינגט מער קארס, כדי מען זאל קענען נאכקומען דעם פארלאנג.

קרית יואל איז א ריזיגע שטאט מיט איבער דריי און א האלב טויזענט פאמיליעס, כן ירבו, און אין אפילו סתם א שבת, כל שכן עטליכע טעג יום טוב, איז א לעבנס וויכטיגע זאך צו האבן גרייט די שבת פאטראל צום באנוץ.

## אין די לעצטערע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז אסאך מענטשן באטראכטן דעם סערוויס אלס פריוויליגיע און פארלאזן זיך לכתחלה אויף די פובליק סעיפטי זיי צו שטיין אויף דינסט אויף יום טוב

דאס פירט צו א פלייץ פון ארבעט פאר די פאטראל אויף א מאסשטאב וואס מען קען נישט נאכקומען

**פילע מענטשן וואס האבן אויסטערליש נויטיג געדארפט האבן א שבת גוי פאר רפואה און אנדערע לעבנסוויכטיגע צוועקן, האבן דאס נישט געקענט באקומען**

## דעריבער ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן ווי פאלגענד:

1) עס איז גענצליך נישט מענטשליך זיך אנצואווארפן לכתחלה אויפ'ן סיסטעם, מען דארף נעמען אין אכט אז יעדע פובליק סעיפטי רוף נעמט כאטש 15 מינוט, און מען וואלט געדארפט צוגרייטן עטליכע הונדערט גוים צו קענען סערווירן אזויפיל מענטשן וואס ווילן נוצן די פאטראל בלויז פאר באקוועמליכקייט.

**2) פילע אידן דארפן דעם פובליק סעיפטי פאר ריכטיגע עמוירדזשענסיס, מען האט רפואה מאשינען פאר קינדער, צב"ש נעביולייזערס, אידן האבן חולים און עלטערע עלטערן אין שטוב, וואס מען דארף האבן גוים אנצוצינדן און אויסלעשן די מאשינען, די אידן ליידן גרויס צער און עס קומט צו סכנת נפשות, ווייל עס איז נישטא קיין פאטראל צו באקומען, צוליב די וואס נוצן די פובליק סעיפטי פאר מינדערוויכטיגע צוועקן.**

3) די פובליק סעיפטי איז געמאכט אלס א סערוויס פאַר'ן שטאט צו העלפן מענטשן מיט אומפאראויסגעזעענע אומשטענדן, דער ווילידזש טוט דאס זייער גערן. עס קאסט אָפּ אסאך געלט און פלאנירונג, מיה און שוויס, און עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז מען קען בשום אופן נישט צושטעלן די פובליק סעיפטי פאר זאכן וואס קענען ווערן אויספלאנירט פון פאראויס, א שטייגער ווי אנשטעלן א שבת זייגער וכדו'.

## עס איז צום האפן אז דער ציבור וועט נעמען צו קענטעניס די הארבקייט פונעם ענין, און דערמיט וועט מען פארמיידן עווענטועלע פראבלעמען ווי אין די פארגאנגענהייט ווען פילע עמוירדזשענסי רופן האבן געמוזט ווארטן שעה'ן צו באקומען הילף

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

## דער ווילידזש

# אַפּעלאַט געריכט שלײַדערט אַרויס קלאַגע פון וואודבורי איבער סוער אָפּמאַך מיט קרית יואל

(פאַרזעצונג פון זייט 27)

פאַרהאַנדלונגען צווישן דעם ווילידזש און די קאַונטי, איבער די מעגליכקייטן צו קומען צו אַן אויסגלייך איבער'ן סוער סכסוך, אַרייננעמענדיג אין בילד די קלאַגע פון די קאַונטי קעגן דעם וואַסער פּייפּליין. נאָך צענדליגער שעות פון פאַרהאַנדלונגען צווישן דעם חשוב'ן מעיאָר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א מיט די ווילעדזש שטאַב, מיט'ן דעמאָלטדיגן קאַונטי עקזעקיוטיוו עדי דייענא און זיין שטאַב, איז בסייעתא דשמיא אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן ענדגילטיגער לעזונג צו אַלע סכסוכים, ווען די צוויי האָבן אונטערגעשריבן אַן היסטאָרישן אָפּמאַך צו שליכטן די לאַנג-פאַרצויגענע סאָמאַטוכע.

לויט'ן אָפּמאַך איז די קאַונטי איינגעגאַנגען אויסצופאָלגן די פאַראָרדענונג פונעם געריכט, דורכצופירן אַ "סופּלעמענטאַל ענווייראָמענטאַל איבערזיכט", באַגלייט מיט אַ שטודיע וואו עס דאַרף ווערן אויפגעוויזן אַז עס איז דאָ גענוג סוער-אָפּלויף אינעם צוקונפט פאַר'ן באַנוץ פון די באָדנס אינערהאַלב דעם "סוער דיסטריקט", אַריינגערעכנט פאַר'ן באַנוץ פון קרית יואל, און דעריבער וועלן זיי קענען באַקומען ערלויבעניש פון געריכט צו פאַרקויפן סוער-רעכטן פאַר די "מודנע" קאָמיוניטיס, וואָס דאָס מיינט אויך אַז זאָלן קענען האָבן בוי-רעכטן אויפ'ן קעמפּ לאַגוואַרדיע שטח, און זיי זאָלן קענען אַרויסזען זייער געלט.

כדי צו קענען אויפווייזן אַז עס איז דאָ גענוג סוער, האָט זיך די קאַונטי געזעצליך פאַרפליכטעט אַז ווען דער יעצטיגער סוער פלענט וועט ווערן 85 פּראָצענט אָנגעפולט, וועט זיך די קאַונטי גלייך נעמען צובויען צום סוער סיסטעם, כדי מ'זאָל קיינמאָל נישט אויסלויפן פון סוער, און מ'זאָל שטענדיג קענען אָנהאַלטן דאָס בויען ווייטערדיגע בוי פּראָיעקטן אינעם סוער דיסטריקט, אַריינגערעכנט קרית יואל.

אין דער זעלבער צייט ווען אַלע דעטאַלן זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן, איז אָנגעגאַנגען העפטיגע אינטערווענצן דורכ'ן קאַונטי לעגיסלאַטור מייקל עמאָו צו באַאיינפלוסן די אַנדערע מיטגלידער אינעם קאַונטי לעגיסלאַטור צו שטימען פאַר'ן אָפּמאַך. מייקל עמאָו טוט פאַרטרעטן קרית יואל אין די קאַונטי לעגיסלאַטור, און ער שטעלט זיך אַלעמאָל אַרויס לטובת קרית יואל אפילו ווען ער בלייבט איינער קעגן אַלע אַנדערע.

שפּעטער ווען דער אָפּמאַך איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורכ'ן קאַונטי עקזעקיוטיוו דייענא פאַר'ן גאַנצן אָראַנדזש קאַונטי לעגיסלאַטור - וואָס באַשטייט פון 21 מיטגלידער - פאַר באַשטעטיגונג, איז דאָס נאָך אַ העפטיגע דעבאַטע באַשטעטיגט געוואָרן מיט 13 קעגן 8 שטימען.

דאָנערשטאָג פ' יתרו תש"ע איז געווען אַ שטאַרקער דורכברוך פאַר'ן עתיד פון קרית יואל, ווען עס איז בסייעתא דשמיא אויסגעגליכן געוואָרן די דיפערענצן צווישן קרית יואל מיט די קאַונטי, ברענגענדיג דעם פרישן מעגליכקייט פאַר קרית יואל צוצוקומען סיי צו דעם לעבנסוויכטיגן וואַסער-געברויך צו קענען בויען דעם "פּייפּליין", און סיי צו דעם וויכטיגן סוער געברויך צו קענען ווייטער בויען דירות פאַר אונזערע קינדער און אייניקלעך, אין דעם הייליגן ווינקל, אָפּגעזונדערט פון די פרעמדע גאַס, ביז משיח'ס טאָג.

מיט אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער אָפּמאַך אויך באַשטעטיגט געוואָרן אין געריכט, און דערמיט איז דעקלערט געוואָרן אַ 'גרין לייט' פאַר'ן וואַסער פּייפּליין זיך אָנצושליסן אינעם ניו יאָרק סיטי עקוועדאָקט. אַזוי אויך האָט דער לאַנגיאָריגער סוער שטרייט געזאָלט קומען צו אַ פּאָזיטיווע ענדע.

### די קלאַגע פון וואודבורי און הערימאַן

אויב האָט מען געמיינט אַז מען קען שוין אָפּאָטעמען, איז דאָס אָבער געווען אַ גרויסער טעות, ווען מיט עטליכע חדשים דערויף זענען די "פּן ירבה אַקטיוויסטן" פון וואודבורי אויפגעקומען מיט אַ טענה אַז דער "סוער אָפּמאַך" איז נישט געווען אויסגעהאַלטן, ווייל ווי געזאָגט האָט זיך די קאַונטי פאַרפליכטעט אַז ווען דער יעצטיגער סוער פלענט וועט ווערן 85 פּראָצענט אָנגעפולט, וועט זיך די קאַונטי גלייך נעמען צוצובויען צום סוער סיסטעם, כדי מ'זאָל קיינמאָל נישט אויסלויפן פון סוער.

האָבן די אָנקלעגער פאַרפירט אַז די קאַונטי האָט קיינמאָל נישט דורכגעפירט קיין "ענווייראָמענטאַלע שטודיע" אויפ'ן אַפעקט וואָס דאָס צובויען צום סוער פלענט וועט גורם זיין פאַר דער גאַנצער געגנט, און לויט זייער טענה האָט די קאַונטי נישט געהאַט קיין רעכט זיך אונטערצונעמען צוצובויען צום סוער פלענט איידער זיי האָבן דורכגעפירט אַן ענווייראָנמענטאַלע איבערזיכט דערויף. באַזונדער האָבן זיי געקלאָגט די קאַונטי איבער דאָס פאַרקויפן סוער פאַר די דעוועלאָפּער פונעם קעמפּ לאַגוואַרדיע פּראָפּערטי, וואָס די פּראָפּערטי איז אויך אין איינע פון די מודנע קאָמיוניטיס.

ווי פריער דערמאַנט איז עס אין די אינטערעסע פון די קאַונטי צו קענען פאַרקויפן סוער רעכטן פאַר די קעמפּ לאַגוואַרדיע דעוועלאָפּער כדי פּטור צו ווערן פון דעם שטח און צוריק פאַרדינען דאָס געלט. אבער דאָס האָט אויפגעברענגט צאָרן ביי די שכינות'דיגע מוניציפּאַליטעטן וועלכע זענען אַנטי-וואוקס געשטימט, און זיי פאַרלאַנגען פונעם געריכט צו צווינגען די קאַונטי זיי זאָלן נישט קענען פאַרקויפן קיין סוער פאַר די קעמפּ לאַגוואַרדיע דעוועלאָפּערס.

די קאַונטי האָט זיך בשעתו פאַרטיידיגט אינעם סטעיט סופּרים קאָורט און פאַרלאַנגט אַז דער געריכט זאָל אַרויסוואַרפן די קלאַגע. למעשה האָט אָבער דער געריכט דערקלערט אַז זיי וועלן נישט אַרויסוואַרפן די קלאַגע, נאָר זיי וועלן דאָס יאָ אָננעמען; אַריינקוקן דערין און אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים.

מיט קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָר צוריק, אין מאי פון 12' למספרם, האָט ריכטער ניקאָליי פונעם ניו יאָרק סטעיט סופּרים קאָורט געאורטיילט קעגן די קאַונטי, און געגעבן רעכט פאַר די אָנקלעגער פון וואודבורי אַז די קאַונטי קען זיך נישט פאַרפליכטן צוצובויען צום סוער פלענט איידער זיי פירן נישט אַדורך אַ גרונטליכע ענווייראָמענטאַלע שטודיע, איבער וויאַזוי די נייע פליגלען פונעם סוער פלענט וועלן אַפעקטירן דעם גאַנצן אומגעגנט.

אַזאַ אורטייל איז פאַרשטענדליך געווען אַ שווערער פאַרלוסט פאַר די קאַונטי, ווייל דאָס וואָלט געשטעלט דעם גאַנצן אָפּמאַך מיט קרית יואל אונטער אַ פראַגע-צייכן און אַ שטאַרקע פינאַנציעלער בראָך אַז די קאַונטי זאָל דאַן דאַרפן אַריינשפּרינגען אין אַן אונטערנעמונג אַדורכצופירן אַ שטודיע איבער אַ "דבר שלא בא לעולם", ווען עס זענען נאָך בכלל נישט פאַרהאַן קיין פּלענער איבער צוקונפטיגע אַרבייט אויפ'ן סוער, נאָר אַ געשריבענעם אָפּמאַך אויף ווען עס וועט זיך עווענטועל אויספעלן.

די קאַונטי האָט דאַן באַשלאָסן צו אַפּעלירן דעם אורטייל פון ריכטער ניקאָליי, אין וועלכן דער אַפּעלאַט געריכט האָט ענדגילטיג אַרויסגעוואָרפן דעם פּסק פון ריכטער ניקאָליי, געבנדיג גערעכט פאַר די קאַונטי זיך צו פאַרפליכטן איבער'ן סוער אָן דעם וואָס זיי זאָלן יעצט דאַרפן דורכפירן די דערמאַנטע שטודיע, און נאָר הערשט ווען מ'וועט זיך פאַקטיש רישן צוצובויען צום סוער פלענט, דאַן וועט מען דאַרפן דורכפירן די פאַרלאַנגטע שטודיעס.

דער פּסק, דאַטירט פאַרגאַנגענעם פעברואַר 26, וועלכע איז געשריבן געוואָרן דורך אַפּעלאַט ריכטער דילאַן און די איבריגע דריי ריכטער אויפ'ן אַפּעלאַט פּאַנעל — באַלקין, טשעימבערס און קאהען — וועלכע האָבן צוגעשטימט דערצו, איז גאָר אַ שטאַרקער געווינס פאַר די קאַונטי, און צו דער זעלבער צייט איז דאָס אַ גרויסע טובת הנאה פאַר קרית יואל, וואָס ווי דערמאַנט איז אין דעם געוואָנדן אַ שטאַרקער חלק פונעם צוקונפט פון די שטאָט, סיי פון אַ סוער שטאַנדפּונקט ווי אויך צוליב דעם אָנגייענדן ריזיגן "פּייפּליין פּראָיעקט" וואָס די אָנקלעגער האָבן דאָס געוואָלט פאַרבינדן מיט דער סוער קלאַגע.

# נייע פעדעראַלע רעגולאַציעס צו באַשיצן זעלטענע שרצים שטעלט צייטווייליג אָפּ לאַנג-ערוואַרטעטן "ראָוד אויסברייטערונג" פּראָיעקט

(פאַרזעצונג פון זייט 6)

אַקטיוויטעטן צו קענען אַרייַנגעבן די פּלענער פאַר די פאַרשידענע אינסטאַנצן, הויפּטזעכטליך דער ניו יאָרק סטעיט "דעפּאַרטמענט אָוו טראַנספּאָרטעישאָן", מער באַקאַנט אַלס "די. אָ. טי.", וועלכע פאַרפיגט אויף אַזעלכע פּראָיעקטן.

אין אַן איבערראַשנדע מעלדונג האָט דער הויפּט אינדזשעניר פונעם פּראָיעקט געלאָזט וויסן פאַר די ווילעדזש פאָרשטייער, איבער אַ נייע רעגולאַציע פון די פעדעראַלע "פּיש ענד ווײַלדלייף סערוויס" — דער אָפּטיילונג פון די פעדעראַלע ענווייראָמענטאַל אַגענטור, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט'ן וואוילזיין פון די בעלי חיים אין אַמעריקא, מיט אַ ספּעציעלן דגוש אויף פאַרשידענע באַשעפענישן וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס "זעלטן" און אין סכנה פון גענצליך פאַרניכטעט ווערן.

צו איין אַזאַ סאָרט באַצייכענונג האָט זוכה געווען אַ געוויסער פליענדער שרץ וואָס האָדעוועט זיך אין די ביימער, מיט'ן נאָמען "נאָרטערן לאנג עירד בעט", וואָס לויט די פאָרשער איז שוין פאַרהאַן גאָר ווייניג פון די סאָרט, ספּעציעל ווען פילע ביימער ווערן פאַרשניטן צו מאַכן פּלאַץ פאר נייע דעוועלאָפּמענטס. דערפאַר האָט דער ענווייראָמענטאַל אַגענטור אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַז יעדער רעגירונגס-פינאַנצירטער פּראָיעקט מוז אַדורכגיין אַ ספּעציעלע שטודיע צי דער פּראָיעקט טוט נישט אַרויסהעלפן מיטן אויסראָטונג פון די סאָרט באַשעפעניש.

אין ליכט פון די נייע רעגולאַציע וועט דער "ראָוד אויסברייטערונג" פּראָיעקט אויך מוזן אַדורכגיין די פאַרלאַנגטע שטודיע, וואָס דאָס נעמט אַריין: אָפּצושאַצן וויפיל ביימער גייען דאַרפן ווערן אָפּגעשניטן אַ דאַנק דעם; וואָספאַראַ סאָרט ביימער און די גרויסקייט פון די ביימער; ווי אויך אַן אָפּשאַצונג אויף די אַרומיגע שטחים ווי שטאַרק באַוואַקסן דאָס איז, אא"וו. די שטודיע ווערט אַריינגעגעבן פאַר די "די. או. טי." און אויב גרעניצן זיך נישט די רעזולטאַטן מיט די ציפערן און פאָרשריפטן פונעם דערמאַנטן "פּיש ענד ווײַלדלייף סערוויס", קען דער פּראָיעקט גיין ווייטער. אין פאַל וואָס דאָס גייט אַריין אין די קריטעריאָן פונעם "פּיש ענד ווײַלדלייף סערוויס" אַלס עפּעס וואָס שטעלט אין געפאַר די דערמאַנטע שרצים, ברויך דער פּראָיעקט ערהאַלטן אַ ספּעציעלער ערלויבעניש צו קענען גיין ווייטער.

עס איז צום האָפן אַז די רעזולטאַטן זאָלן נישט זיין אין די צווייטע קאַטעגאָריע, נאָר אַז בעזהשי"ת דער פּראָיעקט זאָל קענען גיין ווייטער ווי נאָר די שטודיע ווערט דורכגעפירט.

# מאַסיוון פילטער פּראָיעקט ארויפצוברענגען און צו פאַרבעסערן דעם "סוער פלענט" אויף בעיקערטאַון ראָוד

(פאַרזעצונג פון זייט 7)

אַריין דאָס גראָבן און צוגרייטן אַלע פּייפּס און "סקרינינג" באַשטאַנדטיילן, וואָס צוטיילט און פירט די אָפּלויף מאַטריאַל פון, און צו, די פילטערינג און פּראָצעסירונג אַרבייט אינעם סוער פלענט.

דער צווייטער טייל פון די אַרבייט איז דאָס אויפשטעלן אַ ספּעציעלער טאַנק וואָס קען אַנטהאַלטן פערציג טויזנט גאַלאָן. דער טאַנק וועט דינען אַלס דער סטאָרעדזש אין וועלכן די שווערערע אָפּלויף מאַטריאַל ווערט געהאַלטן און פון דאָרט גייט עס אַריבער צום סוער פלענט אויף אַ פאַרלאַנגזאַמטן פּראָצעדור, וואָס אַזוי אַרום העלפט דאָס אַרויס אַז דער פילטער זאָל נישט ווערן אויפאײנמאָל באַלעסטיגט מיט גרויסע קוואַנטומס פון געדיכטע מאַטריאַל.

דער טאַנק ווערט אַרויפגעשטעלט אויף אַ ספּעציעלן צעמענטעם פונדאַמענט וואָס וועט ספּעציעל געגאָסן ווערן פאַר דעם געברויך, און וועט פאַרמאָגן ספּעציעלע אייגנשאַפטן צו קענען האַלטן און הערמעטיש פאַרשליסן די מאַטריאַל אָן דעם וואָס דאָס זאָל אַרויסגעבן סיי וועלכע אומאַנגענעמער גערוך, אַזיווי די פאָרשריפטן פאַרלאַנגען..

די אַרבייט וואָס ווערט פּלאַנירט זיך אָנצוהייבן אין די קומענדיגע פּאָר וואָכן, וועט נעמען אַ געשאַצטע זעקס חדשים צו פאַרענדיגן, און נאָכדעם וואָס די נויטיגע פּערמיטן וועלן ערהאַלטן ווערן צו קענען אַריינשטעלן דעם נייעם פּראָצעדור אין פּלאַץ, וועט דאָס אי"ה אַריינקומען אין דינסט און אַרויפברענגען דעם "סוער פלענט" צו אַ העכערן סטאַנדאַרט.

# חברה מצילי אש – קרית יואל

## Kiryas Joel Fire Department

P.O. Box 566, Monroe, NY 10949

Office: (845) 781-5616 • For Emergency: (845)783-1212


בס"ד

ערב פסח תשע"ד

# וויכטיגע אנווייזונגען

## אויף חול המועד און די צווייטע טעג יו"ט

**דערמיט ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן עטליכע וויכטיגע פונקטן וואס איז וויכטיג צו געדענקען אין די יעצטיגע טעג**

1) במשך די טעג פון חוה"מ ווען מען גייט ארויס פון שטוב, זאל מען ח"ו נישט איבערלאזן קיין טעפ אויף אן אנגעצינדענעם גאז רענטש אן אויפזיכט, אפי' אויף א קורצע ווייל, ווייל עס איז א גרויסע סכנה.

2) מען זאל אכטונג געבן נישט אריינצולייגן קיין הייסע טעפ אויף די פסח'דיגע פלעסטיק סינקס אדער פלעסטיק קאונטער טאפס, ווי אויך זאל מען נישט לייגן קיין ליכט אויף די פלעסטיק קאונטער טאפס, ווייל דאס האט שוין פארשאפט גרויס עגמת נפש אין די פארגאנגענהייט.

3) במשך דעם יו"ט ווען מ'קאכט און מ'באקט מער ווי געווענליך, זאל מען שטענדיג אפן לאזן א פענסטער בשעת'ן קאכן, כדי ס'זאל נישט געשאפן ווערן די שעדליכע קארבאן מאנאקסייד.

4) נאך יו"ט, ווען מ'פארמאכט די פסח'דיגע קאך, זאל מען נישט פארגעסן צוצומאכן די געז ווענטיל און די וואסער.

5) ווען מ'טוישט די געז רענטש נאך פסח, איז ראטזאם צו נוצן בלויז אן עקספיריענסד פלאמבער, און דאס נישט טאן אליין, כדי צו פארמיידן געז ליעקס.

**ווי אויך איבער'ן יאר זאל מען זיך האלטן צו די פאלגענדע באווארענונגען:**

**1) עס איז קריטיש וויכטיג צו האבן א פונקציאנירנדער "סמאוק אלארם" אין יעדע איינציגע צימער. ווי אויך, ווען מ'בויעט איבער א דירה, זאל מען נישט בלאקן דעם אלארם.**

**2) יעצט איז די ריכטיגע צייט פון יאר צו פארזיכערן אז די "סמאוק אלארם" האט א גוטע באטעריע און אז דער מאשין ארבייט. אויך איז וויכטיג צו האבן א Carbon Monoxide Detector (ס'קאסט בלויז עטליכע דאלאר, און ס'קען ראטעווען לעבנס).**

**3) ווען מ'לייגט ארויף א בלעך אויפ'ן געז רענטש, זאל מען מאכן זיכער אז ביי די צוויי זייטן איז אפן און ס'קען אריינקומען לופט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד.**

**4) מ'זאל שטענדיג אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט שפילן מיט די שוועבעלעך. מ'זאל דאס אוועקלייגן אויף א הויכן פלאץ אז די קינדער זאלן נישט קענען צוקומען דערצו.**

מיט דאנק פאראויס,

**חברה מצילי אש**

# דערמאַנונג! נישט איבערלאָזן קאַרס אינעם "פאַרק ענד רייד"

אין די לעצטערע וואָכן האָבן זיך שוין געמאַכט עטליכע פעלער וואָס די "פובליק סעיפטי" איז געווען געצווינגען אַוועקצושלעפּן קאַרס וועלכע פארבלייבן ביים "פאַרק ענד רייד" אויף בעיקערטאַון ראָוד, צום שטאַרקן אומאַנגענעמליכקייט פון די קאַר אייגנטימער. די פובליק סעיפטי וויל דעריבער דערמאַנען אַלע חשוב'ע איינוואוינער, אַז לויט די רעגירונג רעגולאַציעס טאָר נישט קיין שום קאַר ווערן פארלאזט ביי אַזאַ סאָרט "פובליק פאַרקינג לאַט", און אויב לאָזט מען יאָ איבער די קאַר, מוז מען דאָס אַוועקשלעפּן.

עס איז וויכטיג צו געדענקען דעם ציל פון די גאָר-וויכטיגע און שטאַרק-באַנוצטע "פאַרק ענד רייד" אַז דאָס איז געמאַכט בלויז פאַר די וועלכע פאָרן אַריין אינדערפרי מיט'ן באָס צו דער אַרבעט א.ד.ג. און זיי ווילן האָבן דעם קאַר גרייט גלייך ביים אַהיימקומען. דאָס אַוועקשטעלן אַ קאַר דאָרטן פאַר אַנדערע געברויכן, ברענגט אומאַנגענעמליכקייטן סיי פאַר'ן אייגנטומער פונעם קאַר ווייל מ'וועט דאָס אַוועקשלעפּן אויף יענעמס קאָסטן און אויך נעמט דאָס אַוועק פאַרקינג ערטער פון די וועלכע דאַרפן עס וויכטיג האָבן יעדן אינדערפרי.

די פרישע גאָר וויכטיגע דערמאַנונג קומט אין די זעלבע צייט וואָס די געטרייע הנהלת הווילעדזש אַרבעט איבערמידליך מיט שתדלנות אין די רעגירונג צו קריגן אַ פרישן גרענט אויף צו קענען פאַרברייטערן דעם ביז-יעצטיגן "פאַרק ענד רייד" און צולייגן פלאַץ פאַר פרישע אַריבער הונדערט קאַרס.

# פרישע וואָרענונג איבער גוי'אישע טעקסיס נאָך לעצטערע עגמת נפש פעלער

אין די טעג האָט די פובליק סעיפטי אונטערגענומען אַ פרישן קאַמפּיין ווידעראַמאָל אויפצוקלערן די חשוב'ע איינוואוינער איבער די וויכטיגקייט פון בלויז נוצן אַזעלכע טעקסי פירמעס וועלכע פאַרמאָגן געהעריגע "ליוועריי" לייסענס פלעיטס — וואָס דאָס איז עפּעס וואָס יעדע טעקסי דאַרף לעגאַל האָבן — און אויך אַז מען זאָל חלילה נישט נוצן די אומפאַראַנטוואָרטליכע גוי'אישע קאַר סערוויס פירמעס דאָהי אין שטעטל, וואָס די קליינגעלט וואָס מ'שפּאָרט זיך, איז ווייט נישט אַזוי ווערד ווי די סכנות אין וועלכע מען לייגט זיך ח"ו פּאָטענציעל אַריין.

דורכאויס די פאַרלאָפענע שווערע ווינטער-מאָנאַטן איז באַזונדער געקומען צום אויבערפלאַך דער געפאַר פון די אומ'אחריות'דיגע גוי'אישע קאַר סערוויס דרייווערס, ווען עס האָבן פּאַסירט צאָללאָזע אינצידענטן און עקסידענטן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט פאַרוואונדעטע. טראָץ וואָס בחסדי השם זענען נישט געווען קיין ערנסטע פעלער, איז עס אָבער פאָרט געווען אַ דערמאַנונג איבער די ווילדע עלעמענטן וואָס די גוי'אישע פירמעס נעמען אַלס דרייווערס, וואָס איז אַ סכנה ברוחניות און בגשמיות.

ווי דער פובליק סעיפטי קאָאָרדינעיטאָר הר"ר משה לייב וויטריאל הי"ו גיבט איבער, האָט ער אין לויף פון די לעצטערע מאָנאַטן מיטגעהאַלטן פאַרשידענע סאָרטן עגמת נפש'ער, און באַזונדער טאַקע מיט די סאָרט קאַר סערוויס אויטאָס וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין "ליווערי" פלעיטס. ביי איין פאַל האָט אַ פאַמיליע וועלכע איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, באַשטעלט אַ גוי'אישער לאָקאַלער קאַר סערוויס דרייווער זאָל איר אָפּוואַרטן ביי קענעדי לופטפעלד, אַהיימצונעמען די פאַמיליע קיין קרית יואל. למעשה האָבן די וועכטער וועלכע היטן אינדרויסן פונעם טערמינאַל און זיי קאָנטראָלירן אַלע קאַר סערוויסעס און טעקסיס וועלכע קומען אַהין, באַמערקט אַז דער גוי'אישער דרייווער פאַרמאָגט נישט קיין ליווערי פלעיטס, טראָץ וואָס ער האָט געזאָגט פאַר די וועכטער אַז ער איז אַ טעקסי דרייווער. די וועכטער האָבן אים אויפגעהאַלטן און אויסגעפרעגט פאַרשידענע קשיות, וואָס צוליב דעם איז די פאַמיליע, אויסגעמוטשעט פון די לאַנגע עראָפּלאַן רייזע, געווען געצווונגען צו וואַרטן אַ לאַנגע ווײַלע ביז זיי האָבן געענדיגט אויספרעגן דעם גוי'אישן דרייווער פאַרשידענע קשיות.

געדענקט: מען מיינט אַז מען שפּאָרט זיך אַ דאָלער-צוויי, אָבער מען ווייסט נישט אין וואָספאַראַ עגמת נפש מ'לייגט זיך מיט די קינדער אַריין, און חלילה אויב ס'פּאַסירט עפּעס, וועט איר זיך קיינמאָל נישט קענען מוחל זיין. אַלזאָ, פאַר אייגענע טובה, ביטע נישט נעמען די סאָרט קאַר סערוויסעס, אפילו אויבנאויף זעט דער דרייווער אויס גאָר פריינטליך.

# וויכטיגע אָנווייזונגען צום בעפאָרשטייענדן זומער הבעל"ט

די קאַלטע ווינטערס האָבן שוין נאָכגעלאָזט און עס שפּירט זיך שוין אין די לופטן די געשמאַקע פרילינג סעזאָן ווען די קינדער דרייען זיך אַסאַך אויף דער גאַס, אָבער ברענגט מיט זיך אַ סעריע פּראָבלעמען און קאָמפּליקאַציעס וואָס עס איז וויכטיג יעדעס יאָר אויסצושמועסן בעפאָר'ן זומער, און בעז"ה פאַרמיידן פּראָבלעמען, אומאַנגענעמליכקייטן און ערנסטע עגמת נפש'ער.

דאָס ערשטע איז פאַרשטייט זיך דער ענין פון לאָזן קינדער שפּילן אַליינס אויפ'ן גאַס, וואָס דאָס איז עפּעס וואָס האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט צו זיין אַן ערנסטער פּראָבלעם, און אין לויף פון די לעצטע עטליכע יאָר האָט מען שוין געהערט פון כמעט-קידנעפּינגס דאָהי אין שטאָט, וואָס בחסדי השם, און מיט די שנעלע רעאַקציע דערצו, האָט מען באַוויזן צו טרעפן דאָס קינד בעפאָר עפּעס שרעקליכס האָט פּאַסירט.

אַלזאָ איז גאָר וויכטיג אַז מען זאָל נישט בשום אופן לאָזן די קינדער שפּילן אַליינס אויפ'ן גאַס, נאָר די מאַמע זאָל שטענדיג האַלטן אַ נאָענט אויג און נאָר לאָזן די קינדער שפּילן אויף אַן אָרט וואו מען קען זען די קינדער יעדע איינציגע סעקונדע. אויב מאַכט זיך אַז מען דאַרף אַ מינוט אַריינגיין אין שטוב, זאָל מען אָפּשמועסן מיט די שכנים אַז שטענדיג בלייבט אַמוויניגסטנס איין ערוואַקסענער אויפ'ן גאַס אַכט צו געבן אויף די קינדער, און טאַקע זיך אַ גאַנצן צייט אומקוקן אויף זיי און זיך נישט פאַרשמועסן, אַז גאָרנישט אומגעווינטשן זאָל נישט פּאַסירן חלילה.

די צווייטע גאָר וויכטיג אָנווייזונג איז איבער דעם וואָס מען האָט אין די פאַרלאָפענע זומערס געהערט מערערע פעלער אַז קינדער, קליינע און גרויסע, האָבן זיך פאַרלוירן און נישט געקענט

(פארזעצונג אויף זייט 17)

# אינצידענטן פון טעלעפאָן שווינדלערייען פאַרלאַנגט וואַכזאַמקייט

אין די לעצטערע מאָנאַטן האָט די פובליק סעיפטי אַריינבאַקומען אַן אויסנאַם-הויכע צאָל פון קאָמפּלעינטס דורך איינוואוינער, איבער פאַרשידענע שווינדלערייען וואָס פאַרשוינען האָבן פּרובירט דורכצופירן אויף זיי דורכ'ן טעלעפאָן, און די כוואַליע פון ענליכע פעלער האָט געברענגט דערצו אַז די פובליק סעיפטי האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג מיט פאָרשטייער פון די פעדעראַלע געזעץ אינפאָרסירונג אויטאָריטעטן צו זען עצות וויאַזוי מען קען ברענגען אַן ענדע צו די שווינדלערייען.

לויט ווי הר"ר משה לייב וויטריאָל הי"ו, געטרייער קאָאָרדינעיטאָר פון פובליק סעיפטי, גיבט איבער, זענען עטליכע איינוואוינער שיער געפאַלן קרבנות צו שווינדלערייען ווען זיי האָבן באַקומען טעלעפאָן רופן און די פאַרשוינען האָבן זיך אָנגעגעבן ווי גלייך זיי זענען איינגעשטעלטע פאר די איי. אר. עס. שטייער אויטאָריטעטן און זיי רופן אָפּצונעמען שולדיגע געלטער. דער שווינדל ענדלט צו אַ סאָרט וואָס פלאָגט גאַנץ אַמעריקע אין לויף פונעם סעזאָן וואָס מען געבט אַריין די שטייער דאָקומענטן, און די איי. אר. עס. האָט געמאָלדן אַז מענטשן האָבן פאַרלוירן קאָלעקטיווע 27 מיליאָן דאָלער פאַראַיאָר צוליב'ן זיך לאָזן פאַרנאַרן און שיקן געלטער פאר די פאַרשוינען דורכ'ן טעלעפאָן.

אין צוויי פעלער דאָהי אין קרית יואל האָבן די פאַרשוינען געוואָרנט אַז זיי רופן צוליב וואָס עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן "אַרעסט וואָרענט", דאָס הייסט אַ פאַראָרדענונג יענעם צו אַרעסטירן, אויף די עלטערן פון די פאַמיליע, און מען קען בלויז פאַרמיידן אַרעסט דורכ'ן זאָפאָרט אַריינשיקן אַ גרעסערע סומע פון עטליכע טויזנט דאָלער. די פאַרשוינען פאַרלאַנגען אָבער נישט אַז מ'זאָל דאָס צאָלן אויפ'ן וועג וויאַזוי מען באַצאָלט געוועונליך פאַר די איי. אר. עס., נאָר זיי בעטן דאָס דוקא מיט אַ "מאָני אָרדער", וואָס דאָס איז אַ וועג וואָס שווינדלערס נוצן שטענדיג אַרויסצונעמען פון יענעם געלט.

צוליב די פאַרמערטע פעלער פון אַזעלכע סאָרט טעלעפאָן שווינדלערייען, איז די פובליק סעיפטי דעפּאַרטמענט מיט עטליכע וואָכן צוריק געזיצן מיט פאָרשטייער פון די עף. בי. איי. אין ניו יאָרק סטעיט און מען האָט איבערגעגעבן פאַר די פעדעראַלע אויטאָריטעטן אַלע דעטאַלן פון אַזעלכע טעלעפאָן קאָללס וואָס זענען פאָרגעקומען אין שטעטל, און די אויטאָריטעטן האָבן פאַרשפּראָכן צו באַהאַנדלען די קעיסעס.

אין די זעלבע צייט האָט די עף. בי. איי. געבעטן איבערצוגעבן אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן פאַרנאַרן און מען זאָל פאַרלאַנגען איי. אר. עס. אידענטיפיקאַציע און אַ טעלעפאָן נומער וואו מען קען צוריקרופן צו באַצאָלן דאָס געלט. אויך זאָל מען נישט קלערן אַז מען קען אַליינס באַהאַנדלען דעם קעיס, נאָר מען זאָל תיכף זיך פאַרבינדן מיט די אויטאָריטעטן אויב האָט מען סיי וועלכן פאַרדאַכט אַז שווינדלערס האָבן אָנגערופן אויפ'ן טעלעפאָן.

התורה חסה על ממונם של ישראל.

# פאַרלאַנגען איי. די. פון רייניגונגס געהילפקע, קריטיש וויכטיג

ליינענדיג די שורות וועט מען זיך שוין געפינען אינעם הייליגן יום טוב פסח, און די אַלע דיטערדזשענטס און זייפן מיט וועלכע מען האָט געקראַצט און גערייניגט דאָס הויז צום געהויבענעם יום טוב, וועט שוין וואַרשיינליך זיין פאַרפאַקט אויף די הויכע פּאָליצעס — איז אַצינד די ריכטיגע צייט איבערצוגעבן אַ וויכטיגן מעסעדזש וואָס די פובליק סעיפטי האָט פאַרעפנטליכט אין די טעג, צו פאַרמיידן אומבאַשרייבליכע עגמת נפש, פינאַנציעל אָדער צומאָל ערגערס, מיט'ן ענין פון נעמען גויטעס אַלס רייניגונג געהילפן.

עס איז איבריג אַרויסצוברענגען וויפיל שאָדנס די געהילפן האָבן שוין געברענגט אין אידישע שטיבער, ברוחניות און בגשמיות, און זייער אַסאַך פאַמיליעס האָבן זיך שוין אָפּגעבריט מיט גניבות און ערנסטע פינאַנציעלע פאַרלוסטן וואָס די געהילפן האָבן גע'גנב'עט און דערנאָך זענען זיי מער נישט געווען צום געפונען און ס'איז נישט געווען קיין שום וועג וויאַזוי זיי צו אויספאָרשן און האָפנטליך צוריקבאַקומען די גניבות.

דעריבער וואָרנט די פובליק סעיפטי אַז עס איז קריטיש וויכטיג צו נעמען אַ געוויסע סאָרט לעגאַלע אידענטיפיקאַציע קאַרטל פון די גויטעס בעפאָר מען הייבט זיי אָן צו נעמען פאַר אַרבעט אין שטוב. דורך די איי. די. קאַרטלעך קען מען אייביג האָבן אַ חשבון אויף זיי און אין פאַל עפּעס פּאַסירט, צי אַ פינאַנציעלן שאָדן אָדער רח"ל עפּעס ערגערס, קען מען זיך בע"ה שנעל פאַרבינדן מיט די אויטאָריטעטן און שנעלער לעזן דעם פּראָבלעם.

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road, Suite 401 Monroe, NY 10949 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

- TRANSPORTATION DEPARTMENT -


בס"ד

# באס טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען

## ונשמרתם מאוד לנפשותיכם:
## גיבט אכטונג אויפ'ן זיכערהייט פון אייערע קינדער!

### עלטערן דארפן וויסן אז:

- ווען מען באגעגנט זיך מיט א סקול באס וועמענ'ס רויטע לעמפלעך בלינקען, **מוזן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** מען דארף זיך אפשטעלן גענוג ווייט אז די קינדער זאלן קענען אדורכגיין זיכערערהייט. דער געזעץ איז נישט קיין קינדער שפיל נאר געצילט צו פארמיידן פון א סכנה! נעמט אין אכט אז מ'קען זיך רח"ל שפילן מיט'ן לעבן פון טייערע אידישע קינדערלעך!
- **אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.** **די דרייווערס זענען אנגעזאגט געווארן נישט אויפצונעמען א קינד וואס לויפט נאך דעם באס.**
- ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי און אפווארטן ביים אהיימקומען.
- ווען מען רופט אריין מאכן א טויש פאר א קינד'ס סטאפ, מאכט שפעטער זיכער אז דאס קינד איז טאקע אנגעקומען אויפ'ן נייעם פלאץ וואו איר האט געהייסן אים שיקן.

### עלטערן דארפן אנזאגן די קינדער אז:

- ווארטנדיג אויפ'ן באס טאר מען נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, און זיכער נישט אויפ'ן ראוד חלילה.
- ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, טאר מען נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א גענצליכער אפשטעל און עפנט די טיר.
- ווען מען קראָסט אריבערצוגיין צום באס, מוז מען גוט קוקן פון אלע זייטן צי עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).
- אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, טאר מען עס בשום אופן נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס [און דאס איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די עלטערן זעלבסט].
- ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פארנט פונעם באס אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער'ס אויגן - און אזוי וועט דער דרייווער דיך אויך קענען זען.
- ווען מען קומט אהיים פון חדר/סקול מוז מען קודם אריינקומען אין שטוב זאגן אז מען איז אהיימגעקומען, און דערנאך קען מען צוריק ארויסגיין זיך שפילן.

# חוסו נא על עוללינו וטפינו!

---

## - טראנספארטאציע נומערן -

| טראנספארטאציע אפיס | סקעדזשול אינפארמאציע | עמוירדשענסי נומער |
|---|---|---|
| (נישט פאר עמוירדשענסי) | ת"ת ובית רחל - (845) 414-0099 | (צב"ש א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים) |
| 782-3687 | שערי חמלה - 782-7510 #282 | 782-2300 EXT 123 |

## "חברים" פאַרענדיגט א פרישער ווינטער־פון־חסד מיט רעקאָרד־צאָל רופן

**עטליכע טויזנט הילפס-רופן געענטפערט דורך די העלדישע וואלונטירן - תושבי קרית יואל**

**אנערקענען זייער מסירת נפש'דיגע ארבעט און זענען מכיר טובה די טייערע וואלונטירן**

עס האט זיך נארוואס פארענדיגט א העפטיגן ווינטער, וואס מען געדענקט זעלטן, א ווינטער וואס שנייען און גליטש איז געווען כמעט א טעגליכער פרישטאג... און ווי נאטורליך האט דאס געברענגט פילע הילפס-רופן צו די חברים טעלעפאן-ליניע, וועלכע זענען געענטפערט געווארן מיט ווארימקייט און גרייטקייט דורך די געטרייע וואלונטירן פון חברים, וועלכע זענען אימער גרייט ארויסצוהעלפן אידישע קינדער אין יעדן ענגע לאגע.

דעם לאנגן און שווערן ווינטער האט געברענגט שווערע שטורעמעס און שנייען, וואס האט געלאזט געשטראנדעט קארס אין טיפע זומפן, אבער מיט די הילף פון חברים מיט זייערע געצייג האט מען געניט ארויסגעשלעפט אלע געשטראנדעטע און זיי ערמעגליכט פארצוזעצן אין זייער וועג.

די שווערע וועטערס האבן אנגעמאכט שאדן פאר די שאסייען, וואס זענען שווער געשעדיגט געווארן, און האבן געברענגט צו הונדערטער פלעט-טייערס וואס אויך דא איז חברים געקומען צו הילף און ארויסגעהאלפן די געשטראנדעטע.

דורכאויס דעם ווינטער האבן כמעט טעגליך געפלאצט וואסער פייפס און פארפלייצט דירות, און ווידעראמאל איז חברים געווען די וועלכע זענען געקומען צוהילף, פארראכטן דעם שלויך און דערנאך געארבעט פלייסיג אויסצורוימען די הייזער אז די משפחות זאלן קענען רואיג זיך לייגן שלאפן.

וויפיל הייצונג-סיסטעמען זענען געגאנגען קראכן אינמיטן די ביטערע פראסטן, און ווער אויב נישט די העראאישע חברים וואלונטירן זענען געקומען צו לויפן און געהאלפן מיט זייערע געצייג, און צוריק אנגעווארימט די שטיבער פון תושבי העיר.

און לאמיר טאקע נישט פארגעסן פון יענעם שווערן שטורעם, וואס האט אויסער איבערלאזן עטליכע פוס שניי, אויך פארכאפט צענדליגער אידן ביי עטליכע חתונות וואס זענען פארגעקומען יענע נאכט דא אין שטאט, וועמען חברים האט פלאצירט אין היימישע ווארימע שטיבער, און אהיימגעטראגן די געסט איש על מחנהו ועל דגלו, און געוויס אויפגעשארט די וועג פאר'ן חתן דומה למלך צו קענען אנקומען צו זיין נייעם היים.

דאס און פיל מער האבן די חברים וואלונטירן געאפפערט אין דעם איין ווינטער, וואס דער סך הכל האבן די חדשים געברענגט די הילפס-רופן צו א רעקארד-ציפער פון טויזנטער רופן בלי גוזמא, וואס אלעס איז געענטפערט געווארן מיט הארציגע גרייטקייט און מען האט צוריקגעברענגט מנוחה פאר אזויפיל תושבי העיר.

אבער אויך יעצט ווען דער ווינטער איז שוין פארביי, לייגט זיך נישט חברים שלאפן, נאר מען מאכט זיך גרייט פאר די זומער וואכן, ווען יערליך קומען אריין גאר אסאך רופן, פון אידן וועלכע געפונען זיך על אם הדרך, אויף די וועג צו די קעטסקיל בערג, און קרית יואל חברים לויפט צו הילף פאר יעדן וואס ווענד זיך נאר.

ווי אויך גרייט מען זיך ווידעראמאל אין 'חברים' אפצורעכטן דעם יערליכן "קאר אינספעקשאן", וואס קומט פאר אנהייב זומער, זיכער צו מאכן אז די קארס פון אלע תושבי העיר זענען אין א גוטן צושטאנד און גרייט פאר'ן זומער, וואס דאס שפארט אויך איין שווערע געלטער פאר די קאר-אייגנטומער.

די טייערע הארציגע וואלונטירן לויפן טאג און נאכט, מען שלעפט זיך אוועק פון די פריוואטע ענינים און מען גייט העלפן אנדערע אידן, אין גרויסע ווי קליינע פראבלעמען. זיי פארלאנגען נישט קיין באצאלונג און קיין פרסום, אבער תושבי קרית יואל שעצן זיי אן א שיעור.

די קרית יואל'ער איינוואוינער אנערקענען זייער העלדישע און גוטע אקטן, און מען איז זיי מכיר טובה גאר שטארק. די זכות פון מעשה החסד זאל זיי באגלייטן אין זייער וועג צו געבענטשט ווערן מיט אלעם גוטן, און זאלן קענען מיט פרייד ממשיך זיין מיט זייערע מעשים טובים, מתוך הרחבת הדעת.

## חול המועד אַלערט: האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די קינדער אין די חוה"מ־טעג

שטייענדיג אין די ימי הפסח, ווען אין די חול המועד טעג איז דער מנהג אז מען גייט ארויס מיט די משפחה פארברענגען אין פארשידענע מקומות, קומט חברים מיט א וויכטיגן אלערט צו תושבי עירינו.

יעדעס יאר חול המועד קומען אן צענדליגער רופן צו חברים, מיט היסטערישע געבעטן אז א קינד האט זיך פארלוירן אין א פארק אדער וואו, און מען קען אים נישט געפונען. די חברים מעמבערס לאזן איבער אין די יו"ט טעג זייער משפחה און לאזן זיך ארויס אויף די זוך-אקציע וואס נעמט צומאל שעות.

אזאלכע געשיכטעס מאכן זיך צו אפט און עס קען זיך גרעניצן מיט סכנת נפשות אדער אומוויניגסטנס מיט גענוג שרעק און אומאנגענעמליכקייטן פון וויפיל סיי ווער וואלט געוואלט.

דעריבער איז גאר וויכטיג צו האלטן א וואכזאם אויג אויף אלע קינדער, און פרובירן זיך צו האלטן צוזאמען כדי א קינד זאל נישט פארשוואונדן ווערן.

ווי אויך איז אן עצה טובה אז מען זאל אויף די קליידער פון די קלענערע קינדער ארויפלייגן א לעבעל מיט דעם נאמען און טעלעפאן נומבער, מער רעקאמענדירט א סעלפאן נומבער, כדי מען זאל זיך שנעלער קענען פארבינדן מיט די עלטערן אין פאל ווען עמיצער טרעפט דאס קינד.

עס איז די אחריות פון די חשוב'ע עלטערן צו היטן דאס זיכערקייט פונעם קינד, און אבאכט געבן אז עס זאל נישט קומען דערצו אז מען זאל דארפן אונטערנעמען א זוך-אקציע. עס איז נישט דער בעסטער אקטיוויטעט צו טון חול המועד...

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Jacob Mittelman
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau

**אקטועלע מעלדונג**

**במשך די זומער חדשים**
**וועלן אונזערע אפיסעס זיין**
**אפן יעדן פרייטאג**
**ביז 1:00**

**מיט דאנק**
**דער ווילידזש**

**נ.ב. די וואס האבן באשטימט אן אפוינטמענט מיטן מעיאר, זאלן ביטע ערשיינען צייטליך כדי נישט אויפצוהאלטן אנדערע וועלכע ווארטן אויך פאר זייערע באשטימטע מיטינגען מיטן מעיאר.**

## "חברים" קומט צוהילף ביים זוך־אַקציע פונעם פאַרלוירענעם איד פון מאָנסי ע"ה

כלל ישראל האבן מיט אנגסט מיטגעהאלטן די זוך-אקציע אויף דעם איד פון מאנסי וואס איז פארלוירן געגאנגען, און טויזנטער אידן האב זיך ארויסגעלאזט זוכן דעם פארלוירענעם איד, וועלכער איז פארשוואונדן געווארן אן איבערלאזן שפירן, וועלכער איז ליידער געטראפן געווארן נאך לאנגע טעג שוין נישט בין החיים, אין א פארווארפענעם וועלדל, ע"ה.

גלייך אין די ערשטע טעג האבן זיך חברים פון מאנסי געווענדן צו די היזיגע "חברים דקרית יואל", און געבעטן פאר הילף אין די זוך-אקציע, כדי צו האבן נאך וואלונטירן וועלכע זאלן נאכזוכן זיינע שפירן, כדי מען זאל אים קענען טרעפן.

א גרופע פון צענדליגער וואלונטירן האבן זיך ארויסגעלאזט אין פילע געגנטער ארום מאנסי, באזוכט אין גרויסע מאללס און פארקינג-לאטס, זוכנדיג דעם קאר פונעם איד, און מיט האפענונג אז מען וועט אים שנעל אפטרעפן.

די ענדע איז ליידער געווען טראגיש ווען מען האט געפונען דעם איד נישט בין החיים, און ער איז אפגעפונען געווארן אין א פלאץ, וואו מען קען נישט אריינגיין אן ערלויבעניש.

דא איז געקומען צום אויבערפלאך די אויסטערלישע וויכטיגקייט פון די קורסן וואס די קרית יואל'ער וואלונטירן זענען אדורך דעם יאר, וואו זיי האבן באקומען לייסענס דורכצופירן זוך-אקציעס, אבער צוליב דעם וואס די מאנסי חברים האט דאס נישט געהאט האט מען זיי נישט אריינגעלאזט אין יענעם פעלד וואו דער איד האט זיך למעשה געפונען.

עס איז דער האפענונג אז מען זאל קיינמאל נישט דארפן צוקומען צו אט די ערפארונג, און אלע אידן זאלן ווערן אפגעהיטן פון אלעם שלעכטן, אבער די דערגרייכונג פון אויסשטאטן די וואלונטירן מיט די וויכטיגע כלים און ידיעות צו זיין גרייט על כל צרה שלא תבוא איז קלאר געקומען צום אויבערפלאך.

- טראנספארטאציע דעפארטמענט -

# חמירא סכנתא מאיסורא

## אכטונג חשוב'ע עלטערן און קינדער שיחי'

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען איבער

# די סכנה נאכצולויפן א באס ח"ו

**פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער איז, ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס**

דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס וועלכע קענען דורכפארן און באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכער נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכערגעמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ'ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י.

מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.

אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

אויב פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פאר'ן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder
**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

• קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט •

# וויכטיגע מעלדונג איבער די העלט קעיר עקסטשעינזש – ACA

**אויב איר האט זיך נאכנישט אויפגעשריבן אויפ'ן העלט קעיר עקסטשעינזש פאר דעם מארטש 31 דעדליין, איז נאך פאראן א מעגליכקייט זיך איינצושרייבן פאר העלט קעיר אינשורענס – און זיין באפרייט פון די טעקס פענעלטי פאר'ן יאר 2014 – אויב אייער סיטואציע האט זיך געטוישט אויף איינס פון די פאלגנדע וועגן:**

- אין פאל פון א חתונה; געבורט פון א קינד; אדאפטירונג פון א קינד; אדער מ'האט אויפגעגעבן א קינד פאר אדאפטירונג;
- איר זענט געווארן א לעגאלער יו.עס. סיטיזען אדער ענליכעס;
- איר זענט געווארן ערמעגליכט צו קריגן העלט שטייער קרעדיט און/אדער הילף צו צאלן די אינשורענס;
- דער העלט קעיר עקסטשעינזש, אדער אן ארבעטער אויפ'ן עקסטשעינזש, האט געמאכט א טעות ביים אייך איינשרייבן;
- אייער העלט אינשורענס פירמע האט נישט איינגעהאלטן דעם אינשורענס קאנטראקט;
- אנדערע אויסערגעוועהנליכע אומשטענדן, ווי באצייכנט דורך די HHS.
- ווי אויך אויב איינער אין אייער פאמיליע האט פארלוירן אינשורענס דעקונג פאר איינע פון די פאלגנדע סיבות:
  - > אייער איינקונפט איז ארויף און איר קוואליפיצירט מער נישט פאר מעדיקעיד און/אדער טשיילד העלט פלאס;
  - > אייער COBRA האט עקספייערט;
  - > ארבעטסגעבער האט אויפגעהערט צו געבן העלט אינשורענס;
  - > אייער העלט אינשורענס פלאן איז געווארן דיסערטיפייד.
  - > מ'האט פארלוירן א זשאב;
  - > א גט ל"ע; אדער אויב איינער פון די עלטערן זענען נפטר געווארן רח"ל; אד"ג.

## נעמט אין אכט!

- אויב איר האט זיך נישט איינגעשריבן ביז יעצט פאר העלט אינשורענס, און איר זענט נישט אין איינע פון די אויבערשטע קאטעגאריעס, וועט איר זיך קענען איינשרייבן אויפ'ן העלט קעיר עקסטשעינזש אנגעהויבן פון קומענדיגן נאוועמבער 15, 2014. די אינשורענס דעקונג וועט זיך אנהייבן קומענדיגן יאנואר 1, 2015 – איר וועט נישט האבן קיין אינשורענס דעקונג פאר'ן יאר 2014, און איר וועט זיין אויסגעשטעלט צו א טעקס פענעלטי דורך די רעגירונג;
- איר קענט זיך ווייטער איינשרייבן א גאנץ יאר פאר מעדיקעיד; טשיילד העלט פלאס; און אינשורענס פאר קליינע ביזנעסער.

**אויב איר דארפט הילף זיך איינצושרייבן אינעם עקסטשעינזש, קומט ארויף אין ווילעדזש אפיס וואו מיר וועלן אייך העלפן מיט אלע אייערע געברויכן.**

# SCHEDULE UPDATE

7/28/13

**VILLAGE OF KIRYAS JOEL**
**BUS TRANSPORTATION SCHEDULE**
(845) 783-8300 x14



## WALMART ROUTE

### Riach Hachaim

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 5:00**
**Sunday:** from 11:00 Am until 6:00 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :00 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Taylor by Boy's School (Drop Off - on request) | |
| • Hayes by Forest | :05 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | |
| • Forest by Acres | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | :08 |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Israel Zupnick by Kahan | |
| • Girl's School-Bakertown | |
| • Toltchav by Dinev | :13 |
| • Park & Ride | :15 |
| ❋ • Target | :20 |
| ❋ • Wal-Mart | :23 |
| • ***Riach Hachaim*** *(Only when Open)* | :25 |
| • Spring St. | |
| • Main St. by Franklin Ave. | :30 |
| • D.A. Wieder | :33 |
| • Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :40 |
| • Seven Springs | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | :45 |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Acres | |
| • Acres & Lemberg | :48 |
| • Bakertown | |
| • Toltchav by Dinev | :00 |

❋ *(Only when Riach Hachim Is Closed)*

**EVEN HOURS**
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| | |
|---|---|
| • Toltchav by Dinev | :00 |
| • Israel Zupnick | |
| • I. Zupnick by Kahan | |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Acres by Forest | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Mountain & Karlin | |
| • Sasev & Volova | |
| • Taitch | |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Mezabish | |
| • Krakow | :08 |
| • Ruzhin | |
| • Mountain View | |
| • Seven Springs | |
| • Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :15 |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Forest by Quickway | |
| • Forest by Preshburg | |
| • Forest by D.A. Wieder | :16 |
| • Frenklin Ave. (Shortcut to lake St.) | :18 |
| • Spring St. | |
| • ***Riach Hachaim*** *(Only when Open)* | :25 |
| ❋ • Target | :27 |
| ❋ • Wal-Mart | :30 |
| • Toltchav by Dinev (Drop Off - on request) | |
| • Meron-leipnik | :40 |
| • Kahan by Israel Zupnick | :45 |
| • Israel Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Acres by Forest | :50 |
| • Forest by Mountain | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :00 |

❋❋ (call for verification)

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :30 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Hayes by Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | :35 |
| • Forest by Acres | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| • Getzel Berger | |
| • Getzel Berger by Kahan | :40 |
| • Girl's School - Israel Zupnick | |
| • Toltchav by Dinev | :42 |
| • Bakertown | |
| • Park & Ride | |
| • Dundenberg | |
| • Rt. 32 (Drop Off - on request) | |
| • **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Even hours | :00 |
| • Dundenberg | |
| • Spring St. | |
| • Main St | |
| • Franklin Av. | |
| • D.A. Wieder | :11 |
| • Toby | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Chevron (Drop Off - on request) | :15 |
| • Taitch | |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | :18 |
| • Forest | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :30 |

**EVEN HOURS**
**10:30-12:30-2:30-4:30**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :30 |
| • Forest by Quickway | |
| • Forest by Preshburg | |
| • D.A. Wieder | :31 |
| • Toby & Mountanview | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | :35 |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Taitch | |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Forest by Acres | :38 |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | |
| • Acres by Israel Zupnick | :40 |
| • Israel Zupnick | |
| • Kahan | |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Leipnik & Teverya | |
| • Park & Ride | :42 |
| • **Woodbury Common** (Shortline Bus Stop) on the Odd hours | :00 |
| • Dundenberg | |
| • Park & Ride | |
| • Lipnick & Teverya | :06 |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Kahan | |
| • Israel Zupnick by Kahan | |
| • Toltchav by Dinev | :10 |
| • Girl's School, Bakertown | :15 |
| • Israel Zupnick by Getzel Berger | |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Satmar by Acres | |
| • Satmar by Siget | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Forest by Acres | |
| • Forest by Mountain | :18 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Shopping Center | :30 |

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**
**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

| | |
|---|---|
| • Toltchav by Dinev | :00 |
| • Kahan by I. Zupnick | |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | |
| • Forest by Mountain | :05 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :09 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | :10 |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Schunnemunk by Forest | |
| • Koznits | |
| • D.A. Wieder | :15 |
| • Seven Springs | |
| • Mountain View | |
| • Ruzhin | |
| • Krakow | :20 |
| • Mezabish | |
| • Nickelsburg & Tzfas | :23 |
| • Chevron (Aishes Chayil) | |
| • Taitch | :25 |
| • Volova & Sasev | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Shopping Center | :35 |
| • Garfield | |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | |
| • Acres - Krolla | |
| • Acres & Lemberg | :38 |
| • Acres - Satmar | |
| • Zupnick | |
| • Meron by Kahan | :40 |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | |
| • Leipnik & Tevrya | |
| • Bussines Center | :42 |
| • Girl's School - I. Zupnick | |
| • Kahan by I. Zupnick | :45 |
| • I. Zupnick by Acres | |
| • Acres by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Krolla | :48 |
| • Acres by Forest | |
| • Shopping Center | :00 |

**EVEN HOURS**
**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

| | |
|---|---|
| • Shopping Center | :00 |
| • Forest by Quickway | |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Taylor by (Drop Off - on request) | |
| • Hayes by Forest | :05 |
| • Forest by Senior Citizens | |
| • Forest by Mountain | |
| • Krolla by Satmar | |
| • Satmar by Hayes | |
| • Satmar by Acres | :09 |
| • Acres by Israel Zupnick | |
| • Getzel Berger | |
| • Meron (Filmore-Kalev Short cut) | :10 |
| • Leipnik & Tevrya | |
| • Bussines Center | :13 |
| • Israel Zupnick by Kahan | :15 |
| • Israel Zupnick by Acres | |
| • Acres by Lemberg | |
| • Acres by Krolla | |
| • Mountain & Karlin | |
| • Sasev & Volova | :18 |
| • Taitch | |
| • Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off on request) | :20 |
| • Nickelsburg & Tzfas | |
| • Mezabish | |
| • Krakow | :25 |
| • Ruzhin | |
| • Mountain View | |
| • Seven Springs | |
| • D.A. Wieder | :30 |
| • Koznits by Schunnemunk | |
| • Keren Vayoel Moshe | |
| • Shopping Center | :40 |
| • Rimenev by Quickway | |
| • Van Buren by Garfield | |
| • Garfield by Hayes | |
| • Forest by Acres | |
| • Satmar by Krolla | :45 |
| • Satmar by Hayes | |
| • I. Zupnick by G. Berger | :48 |
| • Getzel Berger | |
| • Kahan by I. Zupnick | |
| • Toltchav by Dinev | :00 |

ביטע שנייד דאס אויס אין לייגט דאס אוועק פאר אייער באקוועמליכקייט

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 2-4-1 783-8300
פאר סקעדזשול טוישונגען

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

## TRANSPORTATION DEPARTMENT

# טיקעט אינפארמאציע

**לאקעל רוט / טאון רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $1.50 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | 75₵ |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

| | |
|---|---|
| ערוואקסענע: | $3.00 |
| עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12): | $1.50 |
| קינדער אונטער 3 יאר | פריי |

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די רייזענדע, אז מיר האבן טיקעט ביכלעך וואס וועט ערמעגליכן צו בעסערע פרייזן,**




קויפט א $30 ביכל
און צאלט נאר
$1.30 פער טיקעט
אנשטאט $1.50

אויב פארט איר קיין
וואודבערי קאמען אדער וואל מארט
דאן צאלט נאר
$2.60 (2 טיקעט'ס)
אנשטאט $3

**געדענקט:**
אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,
קויפט די $30 ביכל,
וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.

# גרינג, ביליג און צוגענגליך



**אינשורענס וועלכע ווערן דא אקצעפטירט:**

- Affinity
- Aetna HMO & PPO
- AmeriChoice (UHC community plan)
- CHP Empire
- Cigna
- Empire Blue Cross
- Fidelis
- GHI-Emblem Health
- Hudson Health plan
- MagnaCare
- Medicaid
- Medicare
- Multiplan
- Oxford Liberty
- Oxford Freedom
- United Healthcare
- UHC Empire plan
- WellCare

## סליידינג פי

אויב איר האט נישט קיין אינשורענס דעקונג פאר'ן היינטיגן באזון קענט איר געניסן פון אונזער "סליידינג פי" פראגראם צו קענען צאלן גרינגער און ביליגער.

פרעגט אן דערוועגן ביי אייער רעסעפשאניסט אדער פארבינדט זיך מיט אונזער בילינג דעפארטמענט פאר ווייטערדיגע דעטאלן.

## פראמפט פעי דיסקאונט

צאלט געגנצליך אויס אייער היינטיגן באזון, און געניסט פון א זאפארטיגע 30% דיסקאונט.

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


# חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס אריינבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל אויפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

בס"ד

# בשורה טובה תדשן עצם

עס איז אונז א גרויס פארגעניגן צו מעלדן
אז מיר טוען צושטעלן פאר אלע אונזערע פאציענטן דעם גאר וויכטיגן

## סליידינג פי
## (Sliding Fee)
## פראגראם

צוגעשטעלט פאר אומשטענדן און/אדער פאציענטן וועלכע ווערן
נישט געדעקט דורך אינשורענס פאר סיי וועלכע סיבה, ווי למשל:

- **פראצעדורן וועלכע ווערן בכלל נישט באצאלט דורך אייער אינשורענס.**
- **בחורים, זומער אייננוואוינער, אדער באזוכער פון אויסער די שטאט, וועלכע האבן נישט קיין היגע אינשורענס.**
- **איר טרעפט זיך פאר סיי וועלכע סיבה אן אינשורענס.**

מען קען אויסארבעטן מיט אונזער בילינג דעפארטמענט צו צאלן
ספעציעל ביליגע פרייזן, נאכ'ן צושטעלן די נויטיגע דאקומענטן,
און געוואנדן לויט די יערליכע פארדינסט אד"ג.

איינמאל מען שרייבט זיך איין אין דעם פראגראם, איז מען בארעכטיגט צו געניסן דערפון במשך דעם גאנצן יאר. מען דארף יעדעס יאר באנייען די אפליקאציע צו קענען געניסן פון אונזער פראגראם.

---

באזונדער איז איינגעשטעלט געווארן דער

## פראמפט פעי דיסקאונט
## (Prompt pay discount)
## פראגראם

פאר פאציענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די "סליידינג פי" פראגראם

אויב באצאלט מען די גאנצע קאסטן אויפ'ן פלאץ פאר סיי וועלכן
פראצעדור (מיט געציילטע אויסנאמען), באקומט מען א **30% דיסקאונט!**

פאר מער דעטאלן
איבער ביידע פראגראמען
ביטע זיך פארבינדן
מיט אונזער בילינג
דעפארטמענט אויף

**845-782-3242 #8**

מיט דאנק
# הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

# וויכטיגע מעלדונג!

## דער העלט סענטער וועט זיין אפן
## אי"ה דעם קומענדיגן יו"ט פסח
### אין די פאלגנדע זמנים:



| | מאנטאג ערב פסח | דינסטאג מיטוואך ערשטע טעג יו"ט | דאנערשטאג א' דחוה"מ | פרייטאג ב' דחוה"מ | זונטאג ערב שביעי של פסח | מאנטאג דינסטאג צווייטע טעג יו"ט |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פידיעטריק Pediatrics | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 10:00 ביז 4:00 | פון 10:00 ביז 5:00 | פון 10:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 1:00 | פון 10:00 ביז 4:00 |
| מעדיקעל General Medicine | פון 9:00 ביז 3:00 | פון 10:00 ביז 4:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 1:00 | פון 10:00 ביז 4:00 |
| דענטאל Dental | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | געשפארט | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר [illegible] | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | געשפארט |

בברכת חג כשר ושמח
## הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382